השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת שמיני - פסח תשפ"ג לפ"ק**

### במסיבת לחיים אחר קביעת המזוזה בבנין החדש בית יעקב דקהלתנו בוומסב"ג

יום א' פרשת שמיני תשפ"ג לפ"ק

**איך** וויל ארויסברענגען מיין הכרת הטוב פאר די אלע יודען וואס האבן זיך משתתף געווען בגופם ובממונם. ב"ה מען שטייט דא ביי דעם היינטיגן טאג, וואס מען קען גומר זיין, גרייט מאכן דעם בנין, אז מען זאל זיך קענען אריינציען אין דעם בנין, מחנך זיין ערליכע יודישע טעכטער, יודישע מאמעס, וואס שטעלן אויף דעם כלל ישראל.

**מען** געפונט ווען מען האט געענדיגט דעם משכן, שטייט אין פסוק (שמות לט-מב) ויברך אותם משה, משה רבינו האט זיי געגעבן א ברכה. די ברכה איז געווען, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו וכו'. געווענליך טייטשט מען, שתשרה שכינה במעשה ידיכם, מען האט דאך געבויט א משכן, דער משכן איז דאך געמאכט געווארן פאר השראת השכינה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), יהי רצון, עס זאל זיין דער רצון פונעם אייבערשטען, אז די שכינה זאל רוען אין דעם משכן, וואס מען האט אויפגעשטעלט. - אויף דעם דארף מען דאך נישט אזא גרויסע ברכה. ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן מאכן א משכן, און מען האט געטון אלעס וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, האט דאך דער באשעפער צוגעזאגט ושכנתי בתוכם, אז ער וועט רוען דארט.

**עס** קען זיין, אז משה רבינו האט נישט געמיינט שתשרה שכינה במעשה ידיכם אויפן משכן, נאר ווען א יוד גיט אוועק געלט צו בויען א משכן פארן אייבערשטען, באקומט ער א ברכה אין זיינע אנדערע געשעפטן וואס ער האט. ער האט אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען וואס ער האט געקענט, באצאלט אים דער אייבערשטער צוריק אין זיינע פריוואטע נכסים. יעדער ווייסט אז עס איז דא א יששכר מיט א זבולון. יששכר זיצט און לערנט, און זבולון האלט אים אויס, און דער זבולון באקומט א חלק אין די תורה פון יששכר. א יוד מיטן אייבערשטען איז אויך א יששכר מיט א זבולון. מען דארף נישט האבן קיין צוויי מענטשן, א יששכר מיט א זבולון. ווען א יוד גיט אוועק געלט פארן אייבערשטען'ס וועגן, ווערט ער א שותף מיטן אייבערשטען. און אז דער באשעפער ווערט א שותף אין זיינע ביזנעס, איז דא אן השראת השכינה אין די געשעפטן, און עס איז דא א ברכה דערין. דער באשעפער באצאלט אים צוריק, ער באקומט א חלק.

**ויברך** אותם משה, משה רבינו האט זיי געבענטשט, מען האט אוועקגעגעבן אזויפיל געלט, גאלד און זילבער, מען האט אויפגעבויט א משכן, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם. נישט אויפן משכן דארף מען א ברכה, נאר דער באשעפער זאל העלפן, אז ווייל מען האט אוועקגעגעבן געלט פארן משכן, זאל זיין אן השראת השכינה במעשה ידיכם, אין די אייגענע געשעפטן וואס מען טוט.

**מעשה** ידיכם איז נישט נאר טייטש די געשעפטן. נאר די קינדער ווערן אויך אנגערופן 'מעשה ידיכם', אזוי שטייט אין די גמרא (שבת לב:), איזהו מעשה ידיו של אדם, זה בניו ובנותיו, די קינדער פון א מענטש ווערן אנגערופן מעשה ידיו. מען דארף דאך האבן השראת השכינה אין היינטיגן דור. אז מען גיט אוועק געלט אז יודישע טעכטער זאלן קענען ערציגן ווערן אויף דרכי התורה, צאלט דער אייבערשטער צוריק אין די שטוב אליין, אז די קינדער זאלן זיך האלטן צו דעם ערליכן וועג וואס מען איז זיי מחנך.

**איך** וועל אויך אנווינטשן, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, דער באשעפער זאל שיקן השראת השכינה אין די געשעפטן וואס מען טוט, און אין די קינדער וואס מען האט. מען שטייט פארן יום טוב פון פסח, זאל מען האבן א פרייליכן און א לוסטיגן יום טוב. יעדער איינער זאל קענען חוגג זיין דעם יום טוב מיט א אמת'דיגע שמחה, מיט נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן אלע זוכה זיין בקרוב צו ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

## בביקור אצל מחותנו כ"ק האדמו"ר מזלאטשוב שליט"א

יום ב' דחול המועד פסח תשפ"ג לפ"ק

**האדמו"ר מזלאטשוב:** דאס איז מיין זון (**הרב יחיאל מיכל מאסקאוויטש שליט"א** חתן **כ"ק האדמו"ר מטאהש שליט"א**), ער וואוינט אין טאהש. עס איז נישט געווען קיין לעקטער דארט דעם יום טוב.

**רבינו:** עס איז געווען זכר ליציאת מצרים, אזוי ווי עס איז געווען דעמאלטס...

**האדמו"ר מזלאטשוב:** אמאליגע צייטן, אינדערהיים, איז בכלל נישט געווען קיין עלעקטריק. עס איז נישט געווען וואו צו האלטן די מאכלים אז עס זאל זיין פריש. מיין שווער (**הגה"צ מאשוי זצ"ל**) פלעגט פארציילן, אז אינדערהיים פלעגט מען שוין זומער צוגרייטן לעקווא"ר אויף גאנץ ווינטער.

**רבינו:** אינדערהיים איז א גאנץ ווינטער נישט געווען קיין שום פרוכט צו קויפן, קוים ירקות. און וואס מען האט געהאט פרוכט, איז נאר געווען וואס מען האט צוגעגרייט פון זומער. מען האט איינגעזויערט, יעדער האט געהאט א שפייז, און מען האט אוועקגעלייגט אין פלעשער, מען זאל קענען עסן א גאנץ ווינטער. שבועות צייט ווען עס איז געקומען פרישע פירות איז געווען א שמחה, און מען האט געמאכט א שהחיינו. עס איז דא א פרישע פרי אויפן טיש.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** דער באבע האט דערציילט, אז אינדערהיים פלעגט מען אנהייב ווינטער אוועקלייגען עפל און בארן צו האבן פאר חרוסת, מען האט עס איינגעפאקט, און געלייגט אין סעלער, אז עס זאל זיין קאלט, מען זאל קענען האבן פאר חרוסת. - דער סאמבאטהעלער זיידע פלעגט אוועקלייגען די עפל פון די סוכה פאר חרוסת. ער האט עס אויפגעהאנגען אין א קאלטן צימער, אז עס זאל זיך האלטען.

**האדמו"ר מזלאטשוב:** דער ענין פון ווערים איז אויך געווען גרינגער דעמאלטס. עס איז נישט געווען אזויפיל שאלות. היינט איז מער אזוי פארגעשריטן, איז דא מער שאלות.

**חתנו הרב מנחם מענדל אילאוויטש:** אסאך פירות, אזוי ווי סטראבעריס, זענען אמאל נישט געווען בנמצא סתם אין א אונגארישע שטעטל. מיין זיידע (**הגה"צ משאמשאן זצ"ל**) האט מיר אמאל געזאגט, ווען מען האט געשמועסט וואס מען האט געטון אינדערהיים וועגן ווערים. האט ער געזאגט, אז עס איז נישט געווען אזויפיל פירות אינדערהיים. און די פירות וואס איז יא געווען, איז נישט געווען קיין שאלות.

**הרב יחיאל מיכל מאסקאוויטש:** מען האט פריער גערעדט בנוגע די ברכה פון שהחיינו. ביי קידוש לבנה ווערט דערמאנט (עיין **בדרך פקודיך** (סוף מ"ע ד' בהג' סק"ה) בשם **הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע**) אז אויב מען האט פארשפעטיגט, קען מען נעמען א גמרא, און זאגען אין די גמרא (סנהדרין מב.). עס איז דא א גמרא וואס רעכנט אויס די גאנצע ברכה פון שהחיינו. איך האב געטראכט אמאל, פארוואס מען הערט נישט ווען מען האט א שאלה, אז מען נעמט א גמרא, און מען לערנט פאר די גמרא, און מען מאכט א שהחיינו.

**רבינו:** פארוואס דארף מען א גמרא? און ווען דער מענטש קען די גמרא אויסענווייניג. ווען עס קומט

דער און דער טאג, אדער ווען מען נעמט די און די פרי, זאגט מען שהחיינו וקימנו והגענו לזמן הזה.

**הרי"מ מאסקאוויטש:** ביי קידוש לבנה ווערט אזוי געברענגט פון צדיקים, מען קען אזוי טון מיט יעדע זאך?

**הרמ"מ אילאוויטש:** די פוסקים ברענגען צו א עצה, אז מען זאל נעמען א תינוק און אויסלערנען, און בשעת מעשה זאגען די נוסח הברכה (עיין **בשו"ת הלכות קטנות** ח"א סימן רנו).

**רבינו:** פארוואס דארף מען א גמרא צו דעם? תורה שבעל פה איז דאך געגעבן געווארן צו זאגען בעל פה, און ווען מען האט אנגעהויבן צו פארגעסן, האט מען עס אראפגעשריבן. אבער עס זאל זיין א ענין אז מען מוז ארויסנעמען די גמרא דייקא דערצו. עס איז נאר אז עס זאל זיין ניכר, אז עס איז דרך לימוד. דאס האב איך געוואלט ארויסברענגען. דער וואס קוקט עס צו, זאל זעהן אז מען האט עס נישט געזאגט געהעריג.

**האדמו"ר מזלאטשוב:** עס קען זיין אז קידוש לבנה איז געווען יעדע חודש, אבער שהחיינו האט מען נישט געמאכט יעדן חודש.

**רבינו:** מעיקר הדין דארף מען מאכען שהחיינו אויף יעדע נייעס וואס א מענטש הערט, על שמועות טובות וואס ער האט הנאה דערפון, ער האט א שמחה, דארף ער מאכען שהחיינו (שו"ע או"ח סימן רכב סעיף א). מען איז אזוי צוגעוואוינט אז שהחיינו מאכט מען נאר אויף א יום טוב, אדער אויף א עפל. אזוי ווי אויף א שמועה רעה זאגט מען דיין האמת, דארף מען אויף שמועות טובות זאגען הטוב והמטיב אדער שהחיינו (עיין **בפרי מגדים** שם).

**הרי"מ מאסקאוויטש:** עס איז דא א שמועס אין **התעוררות תשובה** (או"ח סימן ק), איינער האט אים געפרעגט, אז ער האט געווינען די לאטער"י אסאך געלט, און ער האט געמאכט די ברכה הטוב והמטיב. נאכדעם האט ער איבערגעקוקט דאס צעטל נאכאמאל, און ער האט געזעהן אז ער האט נישט געווינען. איז ער געגאנגען פרעגן דעם התעוררות תשובה, צו ער האט געמאכט א ברכה לבטלה. האט ער אים געזאגט, ניין, דו האסט געהאט א שמחה, איז נישט א פראבלעם. נאכדעם האט ער נאכאמאל איבערגעקוקט, און ער האט געזעהן אז ער האט יא געווינען. האט ער נאכאמאל געפרעגט צו ער דארף מאכען א נייע ברכה, ווייל דאס פאריגע איז בטל געווארן.

**רבינו:** א איינגערעדטע שמחה איז אויך א שמחה.

**האדמו"ר מזלאטשוב:** פונעם **חפץ חיים** איז דא א משל, איינער האט באקומען א טעלעפאן פונעם לאטערי אפיס אז ער האט געווינען די לאטערי, וועט ער זיין בשמחה, ער וועט זיך פרייען. איינער וועט אדורכגיין און ער וועט זעהן ווי אזוי ער פרייט זיך, וועט ער פרעגן, דו האסט דאך נאכנישט דאס געלט. ניין, אבער אז מען האט גערופן, איז א סימן אז דאס געלט איז דא. האט דער חפץ חיים געזאגט, ווען דער באשעפער זאגט צו א ברכה אין די תורה, אויב דו וועסט געבן צדקה, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלקיך בכל מעשיך ובכל משלח ידיך (דברים טו-י) דארף עס אריינברענגען אזא שמחה, ווי ווען מען רופט דיך זאגן אז דו האסט געווינען די לאטערי.

**רבינו:** ביי אונז איז נאר, אז די אמונה לייכט נישט.

**רבינו פנה לחתנו הרב שלום דוב גרינוואלד** (שנולד לו בת): דו האסט געמאכט א שהחיינו ווען דו האסט געזעהן דאס מיידל? ביי א זכר שטייט (שו"ע או"ח סימן רכג סעיף א) אז מען זאגט הטוב והמטיב. דער **משנה ברורה** זאגט אבער, אז ווען מען ברענגט אהיים דאס קינד, אדער ווען ער זעהט דאס קינד, אפילו ביי א מיידל, דארף מען זאגען שהחיינו. אזוי ווי הרואה פני חבירו, אז ער האט א שמחה, דארף ער מאכען א ברכה, אזוי אויך ווען ער זעהט עס דאס ערשטע מאל, אפילו ווען ער גייט אין שפיטאל, מאכט מען א שהחיינו.

**האדמו"ר מזלאטשוב:** מען האט אמאל געשמועסט ביים **אנטוניא'ער רבי זצ"ל**, ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, און ער באקומט עולם הבא, ווען מאכט מען א שהחיינו. האט ער געזאגט, אז ער וועט זיך א עצה געבן. ער איז אוועק די ערשטע נאכט חנוכה, נאכדעם וואס ער האט געמאכט א שהחיינו, איז ער נסתלק געווארן [א].

---

[א] בסעודת מלוה מלכה מוצאי שבת פרשת פנחס תשע"ז, אחר שסיפר **רבינו שליט"א** סיפור הנ"ל (מתוך הספר **מפיהם ומפי כתבם**) הוסיף: די ביאור אין די מעשה איז, אז ער האט גערעדט פון דעם, פארוואס מען מאכט נישט א שהחיינו פאר מען גייט אוועק פון דער וועלט, און דער סוף איז געווען אז ער האט געמאכט א שהחיינו אויף די מנורה. כאטש די גמרא (שבת ל.) זאגט, אז אין מודיעין קצו של אדם, א מענטש ווייסט נישט ווען מען גייט אוועק פון די וועלט. דאס איז איינע פון די זאכן וואס דוד המלך האט מתפלל געווען, הודיעני ה' קצי (תהלים לט-ה), און דער אייבערשטער האט

**רבינו:** דאס איז א טויטע שהחיינו, מען דארף א לעבעדיגע שהחיינו...

**האדמו"ר מזלאטשוב:** עס איז דא א שמועס אין **קדושת לוי** (לספירת העומר), פארוואס מען זאגט נישט קיין שהחיינו אויף ספירת העומר.

**רבינו:** 'חיי' עולם הבא, איז אויך שהחיינו...

**ונפרדו לשלום**

## בביקור אצל כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א

יום ג' דחול המועד פסח תשפ"ג לפ"ק

**רבינו:** דער **טאטע ז"ל** פלעגט צו פארציילען, אז ווען ער האט געבאקען ערב פסח, האט ער געבעטן צו ער קען האבן דעם ערשטען אויוון (תנור ראשון). איך האב געהערט פון טאטען ז"ל, ער האט נאכגעזאגט פון איינע פון די ספרים פונעם **בני יששכר**, אפשר פונעם **אגרא דפרקא** (אות צג), אז א זאך וואס א מענטש מיינט ערליך, העלפט מען אים פון הימל אז ער זאל עס קענען אויספירן. און ער האט געזאגט, אז ביי זיך האט ער עס געזעהן צוויי מאל. איינס, ווען ער איז געווען איינגערוקט אין מיליטער, און ער האט געבעטן אז ער זאל קענען גיין דאווענען ראש השנה אין בית המדרש. עס איז געווען חוץ לדרך הטבע אז מען זאל מסכים זיין דערויף.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** עס איז געווען א גאנצע מעשה ווי אזוי ער איז געגאנגען. ער האט אים אויפגעוועקט, און ער האט מסכים געווען. ער וואלט אים געקענט צושפליטערן דעם קאפ [ב].

**רבינו:** צווייטענס, ער פלעגט אלץ צו עסן ערב פסח מצות פונעם ערשטען אויוון, און פרנס איז געווען דער איינציגסטער בעקריי וואס איז געווען אויף

---

אים געזאגט, אז מען איז נישט מודיע קצו של אדם. אבער פון די גמרא איז משמע, אז מען איז נישט מודיע קצו של אדם, 'ווען' מען גייט אוועק, אבער אין וואס פאר א 'טאג' מען וועט אוועק גיין פון די וועלט, דאס איז מען יא מודיע. ווייל פאר דוד המלך האט מען אויך מודיע געווען, אז ער וועט אוועק גיין פון די וועלט שבת. מען האט אים נאר נישט געזאגט, וועלכן שבת ער וועט אוועקגיין...

איך האב אמאל געהערט א טעם פארוואס מען מאכט מלוה מלכה יעדן מוצאי שבת, און מען רופט עס אן, אז דאס איז די סעודה פון דוד מלכא משיחא. ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט פאר דוד המלך, אז ער וועט נסתלק ווערן שבת, איז ער יעדן שבת געזעסן און געלערנט, ווייל דער מלאך המות קען נישט שולט זיין אויף א מענטש בשעת ער לערנט. און דעם שבת וואס עס איז טאקע געקומען די צייט אז ער זאל אוועקגיין פון די וועלט, האט דער מלאך המות געמאכט א גרויסן גערודער אינדרויסן, און דורך דעם האט ער זיך געשטערט פון לערנען, און דעמאלטס האט אים דער מלאך המות געקענט אוועקנעמען פון די וועלט.

קומט אויס אז דוד המלך האט געוואוסט אז ער גייט שטארבן אים שבת, ער האט נאר נישט געוואוסט וועלכן שבת. האט ער יעדן מוצאי שבת געמאכט א סעודה, אז דער שבת איז אים אדורכגעגאנגען און ער איז נישט געשטארבן. קומט אויס, אז די סעודה פון מוצאי שבת איז די סעודה פון דוד מלכא משיחא, ווייל דוד המלך האט יעדן מוצאי שבת געמאכט א סעודה, אז דער שבת איז אדורכגעגאנגען, און ער איז נישט נסתלק געווארן, און ער האט נאך א וואך צו לעבן.

זעהט אויס, אז דער אנטוניא'ער רבי האט געזאגט, אז ער וועט זיך א עצה געבן מיטן שהחיינו, אז ער האט געהאט א הרגשה אז ער וועט אוועק גיין פון די וועלט אין א צייט וואס מען זאגט שהחיינו, האט ער געזאגט, אז מיר וועלן זיך א עצה געבן מיט די שהחיינו וואס מען דארף זאגן.

א צווייטע ביאור איז, רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם (תהלים קמה-יט), דער אייבערשטער טוט פאר א צדיק וואס עס איז אים ניחא. אז ער האט געהאט אזא געפיל, אז ער וויל זאגן שהחיינו פאר ער גייט אוועק פון די וועלט, האט דער אייבערשטער געטון אזוי. רצון יראיו יעשה. דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט, אז ער איז נסתלק געווארן נאכדעם וואס ער האט געזאגט די ברכה פון שהחיינו.

[ב] וגופא דעובדא הכי הוה (כפי מה שנמצא **בתולדות ויאמר יהושע** בכת"י): רוחו של רבינו (**הגה"צ מסאבאטהעלי זצ"ל**) לא שקטה כשעלה בלבו שיצטרך לעבוד בצבא גם בימים הנוראים, ולא יהא נפשו פנוי להעבודה שבלב זו תפלה לפני קל עורך דין בימים שכולם נסקרין לפניו בסקירה אחת, על כן טיכס עצה בנפשו, שילך לבקש אצל המפקד הראשי של הצבא, שיתן לו שני ימים האלו מנוחה, שלא יצטרך לעבוד בהם. והתיעץ בזה יחד עם היהודים ששהו אתו בצבא בעת ההוא, שיצטרפו אתו בבקשה זו אצל המפקד. אבל הם השיבו פניו אחור, באמרם שהמפקד הזה הוא שונא

מצות. און ער האט אים געבעטן צו ער קען האבן דעם ערשטען אויוון. האט ער אים געזאגט, אז ער האט שוין חזקות, און ער קען נישט אוועקגעבן. האט אים דער טאטע געבעטן אז ער זאל איבערווארפען דעם אויוון פאר אים שפעטער ווען ער גייט באקען. זאגט ער אים, ווי אזוי קען איך איבערווארפען, עס איז דאך א שאדען פון געלט. אין די צייט קען איך דאך ארויסגעבן מצות. האט אים דער טאטע געזאגט, איך וועל דיר באצאלען וויפיל דו וואלסט געקענט פארדינען אין די צייט. האט ער מסכים געווען. דער טאטע פלעגט צו זאגען, אז נאכדעם ווען עס איז געקומען צו באצאלען האט ער געזאגט אז ער נעמט נישט קיין געלט. א יוד איז גרייט אוועקצוגעבן אזויפיל געלט פאר זיין הידור מצוה, ער רעכנט אים נאר וויפיל עס קאסט די מצות.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** אויף דעם אליין דארף מען זיין א בעל מדריגה, א מבין, דאס צו קענען אפשאצען. נישט יעדער שפירט דאס. - איך געדענק ווען מען האט געבאקען דארט ביי דעם פרנס. אין סאטמאר האט אויך דער טאטע געהאט חזקה אויף דעם ערשטען אויוון. אבער דארט האט דער **סאטמארער רב** געבאקען דריי אזייגער. דער ערשטער אויוון האט געהאט דער טאטע. עס איז געווען דארט רבנים, דער שאפראנער רב איז געווען דער משגיח אליין, און דער קאפישער רב, אבער ער האט געהאט חזקה, דער ערשטע מיירע איז געווען זיינס.

אויך פלעגט דער טאטע דערציילען, אז ער האט געבאקען מצות אין טערעזענשטאט. האט ער געזאגט, איך האב געהאט מצות לרוב, אבער יודען ווילן מקיים זיין מצוות, ווי אזוי קען מען אוועקלייגען מצות אויף צו עסן אין פסח, ווען יודען ווילן עסן א כזית מצה אויפדערנאכט, האט ער אויסגעטיילט אלע מצות וואס ער האט געהאט. אזויפיל האט ער גענומען פאר זיך, פאר די טירחה

---

ישראל, ובודאי לא יתן להם חופש, ואדרבה עוד יכביד העבודה עליהם שלא ישעו בשברי שקר. [המפקד הזה היה שונא ישראל ידוע. וסיפר רבינו שבכל פעם כשהלכו אנשי הצבא מעיר לעיר, כאשר ראה המפקד הזה על אם הדרך איש יהודי, צעק לעומתו בקול, 'יש לנו רב פה בהצבא' (הכוונה על רבינו), ואמירתו זאת היתה בכדי לצער את רבינו ולשבור את רוחו].

כאשר הגיע ליל ראש השנה אזר רבינו חיל, והלך בעצמו במבואות האפילה, אל עבר בית המפקד הראשי שהיתה נמצאת מחוץ לגבולי הצבא, על אף שהליכה בעצמו היתה כרוכה עם עונשים קשים, שהרי היתה אסורה להחיילים לצאת מחוץ לגבוליהם, מכל מקום לא השגיח כלום על זה, ויצא לדרכו לבקש על נפשו שיתן לו הימים האלו למנוחה. כאשר קרב רבינו אל בית המפקד, מצא שם את משרתו עומד בבית החיצון, ומצחצח מנעלי אדונו, וניגש אליו רבינו, וביקש ממנו שיתן לו ליכנס אל אדונו, ולהציע לפניו את בקשתו. אולם נענה מעם פני המשרת, שהמפקד נשתכר בלילה זה, וכעת מונח במיטתו מחוסר אונים מרוב שכרותו, ואי אפשר ליכנס אליו.

רבינו בשמעו דבריו אלו, לא ידע איך לשית עצה בנפשו, שהרי עוד זמן מה יאיר אור הבוקר, וירגישו בו שהוא חסר מהצבא, ואז יהא עונשו מר, על כן ביקש מהמשרת, שכאשר יכנס לחדר המפקד להניח שם בחזרה את מנעליו, יניחם בקול בכדי שיקיץ המפקד, ובהקיצו יאמר לו, שאחד מהחיילים עומד בחוץ, ורוצה לדבר אתו בענין נחוץ, ועבור זה הבטיח רבינו להמשרת סכום נכבד אם ימלא רצונו. [רבינו זצ"ל אמר, שנתינת כסף לא היתה אצלו מניעה במשך כל ימי כהונתו בצבא, באשר שאביו זצוק"ל שלח לו כסף לרוב, כדי שיוכל לשחד את הנכרים וכדומה בעת הצורך].

הבטחת סכום הכסף עשתה את שלו, ואכן כשנכנס המשרת לתוך חדר אדוניו עשה רעש בהמנעלים, שמזה נתעורר המפקד משינתו העמוקה, וכשהרגיש בזה המשרת, מסר לו את שליחותו, שאחד מהחיילים עומד בחוץ, ורוצה לדבר אתו. ובאמת היתה בזה מסירת נפש ממש להופיע באמצע הלילה בבקשה כזו, שהרשעים הללו היו עלולים לשפוך דמן של צדיקים על כגון דא. אולם רבינו אזר חלציו, כדי לשפוך שיח לפני קונו, ולקיים מצות היום כראוי.

המפקד בשמעו זאת יצא לחוץ עם בגדי הלילה שלו, שלא לפי כבודו, ושאל את רבינו על דבר בקשתו, ונענה לו רבינו בלב נדכה, על רצונו להשתחרר מצבא העבודה על ב' ימים אלו. וענה המפקד לרבינו מתוך שכרותו: הרי אתה עושה מלאכתך בטוב, תוכל לילך למנוחת שלום על ב' ימים אלו, ואין לך לדאוג כלל על זה. ואכן זכה רבינו להשתחרר על ימי ראש השנה מעבודת עבודה בצבא, ולעסוק בעבודת היום מתוך שלוות הנפש.

על יום הקדוש כבר הוחזרו חיילי הצבא למקום מושבם בכפר 'סענטעש' [שם נשא רבינו חן בעיני המפקד], ובמשך יום הקדוש התפלל רבינו תפלותיו הזכות בבית המדרש שבכפר, מתוך השתפכות הנפש עצומה שירדה לתוך לב הנוכחים, עד כדי כך, שאחר עבודת היום ניגש אחד מהמתפללים לרבינו ואמר, שיודע בבטח שישוחרר מעבודת הצבא בשנה זו. ולתמיהת רבינו הסביר לו הדברים, שכאשר ראה עבודת רבינו בתפילותיו, התבונן שאי אפשר שתפילות הקדושות הללו שיוצאים מתוך עמקי לב טהור, יוחזרו ריקם מלפני אדון כל. וכן הוה שבתחלת שנת תש"א יצא רבינו מעבדות לחירות, כאשר נשתחרר מעבודתו בצבא.

וואס ער האט פארשאפט די מעהל, און געטאן, אז ער האט גענומען פאר זיך דריי אדער זעקס מצות, און נאכדעם האט ער געהונגערט גאנץ פסח, ביז אחרון של פסח. מען האט דאך אויפגעגעסן די מצות ביים סדר.

**רבינו:** ער האט מיר געזאגט, אז ווען עס איז געקומען שביעי של פסח, האב איך געפילט ווי איך גיי אויס. ער האט נישט געהאט וואס צו עסן.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** ער פלעגט צו-געבן, אז ווען איך האב געמאכט נאכדעם א המוציא, איך בעהט דעם אייבערשטען, הלוואי זאל איך היינט מאכן אזא המוציא, אזוי ווי איך האב דעמאלטס געמאכט אחרון של פסח. – מען האט נישט היינט קיין השגה צו די מסירת נפש וואס די יודען האבען געהאט.

מיין שווער (הרה"ח רבי אברהם ראזענבערג ז"ל) איז שוין געקומען קיין אמעריקא, אן די גלות און די צרות, אבער די שווערקייטן וואס איז געווען. ווילאנג מען האט געקענט שחט'ן א הינדל, און ווילאנג מען האט געזעהן אביסל כשר מילך, מען האט געהאט מסירת נפש. עס איז נישט געווען פשוט די אלע זאכען. היינט, ער נעמט דאס, און ער נעמט יענץ.

**רבינו:** דער טאטע פלעגט אויך צו זאגען, אז אויף וויליאמסבורג איז ער געקומען די נאכט פון בדיקת חמץ.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** א פאר טאג פריער.

**רבינו:** קען זיין אז ער איז געווען דא א פאר טאג פריער, אבער די דירה ווי ער איז געווען פסח, ער איז געווען פסח ביי די מלאכים...

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** 205 יוס סטריט, ביי די מלאכים אונטען אין די בעיסמענט. די מלאכים האבן דאס בית המדרש אויף פארלער.

**רבינו:** און דער יוד פון דארט האט ארויסגעמופט א טאג פאר ערב פסח, און ער האט איבערגעלאזט א שמוציגע דירה. דער טאטע האט געזאגט, אז איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט אזוי געארבעט ארויסצורוימען די חמץ פון שטוב, אזוי ווי יענע יאר. א גאנצע נאכט אויפגעווען, מען האט געדארפט כשר'ן די גע"ז רענט"ש, און אלעס באדעקן, און אויפרייניגען די שטוב.

א שטיק צייט האט דער טאטע געהאט חבורות אויף ערב פסח. ער האט אפגעדינגען דאס פלאץ אז מען זאל קענען דארט באקען, און ער האט אלעס אנגעפירט, און ער האט געבאקען דארט פארן בית המדרש. און צום סדר איז דער טאטע כמעט צוזאמגעפאלען. און ער האט אויפגעהערט נאכדעם. - ער האט געבאקען אין תורה ודעת אויף סאוט 3, אדער אין בית יעקב אויף סאוט 8.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** איך מיין אויף סאוט 3. דער סאטמארער רב פלעגט ארויסצונעמען סאוט 8 אויף די הייליגע טעג.

עס זענען געווען צוויי ליובאוויטשער חסידים, רבי יואל כהן דער חוזר, און רבי מענדל פוטערפאס. ער איז געקומען פון רוסלאנד אינמיטן די יארען. און זיי זענען געזעסן און פארברענגט צוזאמען. און דער רבי יואל האט גערעדט פון מסירת נפש, וואס עס איז טייטש מסירת נפש. און ער זאגט אינמיטן, איר רבי מענדל רעדט זיך איין אז איר זענט א בעל מסירת נפש, עס הייבט זיך נישט אן. וואס איר האט געטון, הייסט נאכגישט מסירת נפש. ווען ער האט געענדיגט צו רעדן, זאגט רבי מענדל, איך קריג אויף אייך, עס איז שוין איינמאל געווען א מסירת נפש. - דאס קען מען אנרופן בגדר מסירת נפש.

**רבינו:** היינט איז אלעס מסירת נפש...

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** מען דארף גיין צופרי צום דאווענען, מען דארף אויפשטיין פונעם בעט, איז מסירת נפש. אינדרויסן רעגנט, איז מסירת נפש. מלא מסירת נפש...

**רבינו:** אין יעדן דור האט עס א אנדערע אפטייטש...

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** עס איז טאקע א שטיקל אמת. לויט די גרויסע אריינגעטאנקייט אינעם גשמיות, שמעקט עס עפעס מיט מסירת נפש. לויט זיין מצב. עס איז נעבעך א חרפה און א בושה.

*

ווי אזוי איז אדורך דער יום טוב?

**רבינו:** ב"ה.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** פאראיאר פסח האסטו געהאט צוטון (שהיה לרבינו שליט"א רוי"ז).

**רבינו:** פאראיאר, און פאר צוויי יאר.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** מיכלא דאסוותא, מיכלא דמהימנותא.

**רבינו:** אז עס איז דא מהימנותא, איז דא אסוותא.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** יא, אזוי איז עס.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** איך האב יעצט געזעהן פון **רבי חיים קניבסקי זצ"ל**, אז עס איז געווען א בחור אדער א יונגערמאן וואס האט געוואלט לערנען מיט אים בחברותא. האט ער אים געזאגט,

אז אויב ער קען זיך מחייב זיין אז ער וועט קומען יעדן טאג בקביעות לערנען, איז ער גרייט צו לערנען, און אז נישט, נישט. האט אים דער בחור געזאגט, אז ער קען נישט צוזאגען בקביעות, ווייל יעדעס יאר אינמיטן ווינטער ווערט ער פארקילט, און ער ליגט אפאר טאג אין בעט, ממילא קען ער נישט צוזאגען אז עס וועט זיין א קביעות. האט אים רבי חיים געזאגט, אויב דו וועסט קומען יעדן טאג בקביעות, זאגט איך דיר אז דו וועסט נישט קראנק ווערן. וכך הוה, מען האט אנגעהויבן צו לערנען ווינטער, און ער איז געווען יעדן טאג בקביעות.

איין טאג איז געקומען א גדול פון חוץ לארץ, און דער בחור האט געוואלט גיין מקבל פנים זיין דעם גדול, און ער האט געפרעגט רבי חיים, צו ער קען איין טאג מבטל זיין. און רבי חיים האט אים געזאגט, ניין. כאטש עס איז דא א גרויס ענין צו מקבל פנים זיין צדיקים, אבער א קביעות איז א קביעות. דער בחור האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, און ער איז יא געגאנגען. א טאג שפעטער איז ער קראנק געווארן, און ער האט געדארפט ליגען אין בעט. האט אים רבי חיים געזאגט, ווילאנג דו האסט געהאט א קביעות, האסטו געהאט סייעתא דשמיא אז דו זאלסט נישט קראנק ווערן, איינמאל דו האסט מבטל געווען די קביעות, האסטו פארלוירען דעם סייעתא דשמיא. – אז עס איז דא מהימנותא, איז דא אסוותא.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיין געזונט און שטארק, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען בשמחה ובטוב לבב.

**רבינו:** אמן. מען זאל זיך קענען צוזאמקומען פרייליכערהייט.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** מען קען נאך זוכה זיין דעם פסח, עס שטייט נישט 'בפסח' עתידין להגאל, נאר 'בניסן' עתידין להגאל.

**רבינו:** עס איז א פלא, ווייל די גמרא (ראש השנה יא.) דרשנ'ט עס פונעם פסוק ליל שמורים הוא לה' (שמות יב-מב).

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** אבער פארוואס האבן זיי נישט געזאגט בפסח עתידין להגאל.

**רבינו:** די ראיה פונעם פסוק איז נאר אויף פסח.

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** איך האב געהערט דעם יאר, איך האב עס די ערשטע מאל געהערט א שטארקע דקדוק, אז אין די גאנצע הגדה איז נישט דערמאנט אז דער אייבערשטער האט אונז ארויסגעפירט פון מצרים פסח ביינאכט. מען פרעגט מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, און מען ענטפערט עבדים היינו לפרעה במצרים, ויוציאנו ה' אלקינו משם ביד חזקה מיט די אלע נסים, אבער עס שטייט נישט אין די גאנצע הגדה קיין איין ווארט, אז עס איז געווען פסח. עס איז א שטארקע הערה.

**רבינו:** ווייל אין ליובאוויטש זאגט מען, אז חסל סידור פסח ענדיגט זיך נישט...

**האדמו"ר מסערדאהעלי:** יא, אבער ווען האט זיך עס אנגעהויבן...

איך האב געענטפערט דערויף צוויי תירוצים. איינס, עס איז דאך נישט געווען פסח ביינאכט ווען מען איז ארויס פון מצרים. זיי זענען נישט ארויס נאר הערשט מארגען, קען מען נישט זאגען ויוציאנו ה' בלילה הזה, עס איז דאך נישט אמת. זאל מען זאגען ויוציאנו ה' למחר? וואס זאל מען דא טון, עס איז נישט אהער און נישט אהין. אמת אז יציאת מצרים איז שוין געווען ביי נאכט, דאס ארויסגיין פון די קליפה פון מצרים, דער אייבערשטער איז געקומען און זיי ערלעדיגט, זיי זענען שוין געווען א גברא קטילא, דער אייבערשטער האט געהייסען א עקסטערע מצוה ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בוקר (שמות יב-כב), מען האט נישט געקענט ארויסגיין ביז צופרי. אבער בעצם איז שוין בטל געווארן דאס עבדות. אבער וואס זאל ער זאגען פארן קינד, היינט נאכט האט אונז דער אייבערשטער ארויסגעפירט פון מצרים? ער קען עס נישט זאגען.

און איך האב אויך ממש געטראכט די ווערטער, יציאת מצרים איז דא יעדע רגע, עס איז א שטענדיגע זאך. היינט אויך, מען האלט אין איין ארויסגיין פון מצרים (עיין **באור החיים הק'** פרשת בלק על הפסוק (במדבר כג-כב) א-ל מוציאם ממצרים). ממילא איז נישט דא קיין זמן דערויף.

**ונפרדו לשלום**

# דברי תורה בסעודת נעילת החג פסח

יום ה׳ פרשת שמיני תשפ״ג לפ״ק

**אונז** שטיי מיר ביים סיום פונעם גרויסן יום טוב פון פסח. יעדער יום טוב איז א זמן וואס יודען ווערן נאנט צום אייבערשטען. כל שכן ווען עס קומט דער יום טוב פון פסח, בראש כל מועדות נשאת פסח, פסח איז דער ראש פון אלע מועדות. פסח איז א יום טוב פון אמונה, דער אייבערשטער האט ארויסגענומען יודען פון מצרים, וואס יעדער יוד האט געזעהן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. דאס האבן מיר מקבל געווען פון אונזערע אבות, און דאס גייט אריבער פון איין דור צום צווייטן דור.

**בזמן** שבית המקדש היה קיים האט יעדער יוד איבערגעלאזט די שטוב פאר פסח, אוועקגעגאנגען פון הבלי עולם הזה, און ארויפגעגאנגען אין בית המקדש, אפגעזעסן א גאנצע וואך אין ירושלים, און ער האט זיך קונה געווען פון די קדושה וואס דער יום טוב דארף צו ברענגען פאר א יוד. ער האט איבערגעלאזט אלעס אינדערהיים, ער האט זיך אויסגעשאלטערט, מען גייט זיך מייחד זיין יעצט מיטן אייבערשטען, לעלות ולראות ולהשתחוות לפניך בבית בחירתך. אזוי איז דאך די מצוה (דברים טז-טז), שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה׳ אלקיך, מען האט זיך געדארפט באווייזן אין בית המקדש דריי מאל אין יאר, ולא יראה את פני ה׳ ריקם, און מען קען זיך נישט באווייזן צום אייבערשטען ליידיגערהייט. דער פשוטער פשט איז, מען האט געדארפט ברענגען א קרבן ראיה בשעת מען איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש.

**די** גמרא (חגיגה ב.) דרשנ׳ט יראה יראה, נישט נאר ער איז געגאנגען יראה (היו״ד בצירי), מען איז זיך געגאנגען באווייזן, אז דער אייבערשטער זאל אים זעהן, נאר יראה (היו״ד בחיריק), כביכול ווי דער מענטש קען זעהן דעם אייבערשטען אויך. עס איז שווער צו פארשטיין וואס דאס מיינט יראה פני ה׳, וואס איז טייטש אז א מענטש זעהט דער פני ה׳, אבער אזוי שטייט אין די גמרא. די גמרא מאכט דערויף הקישים, אז עס איז געווען א ענין פון ביידע זייטן. מען האט זיך באוויזן פארן אייבערשטען, און כביכול דער מענטש האט אויך געזעהן דעם אייבערשטען. און עס דארף האבן א ביאור וואס דאס מיינט.

**און** עס שטייט אין פסוק יראה כל זכורך את פני ה׳ אלקיך, דאס איז טייטש איך באוויז מיין פנים. וואס עפעס דער פנים, וואס איז מיט די אנדערע חלקים? און ביים אייבערשטען איז דאך נישט דא קיין פנים אינגאנצען, עס איז דאך אלעס נאר לשבר את האוזן, וויפיל אונז זאל מיר קענען פארשטיין. פארוואס האט מען מדגיש געווען, אז מען גייט ארויף צו זעהן את פני ה׳, דעם פנים פונעם אייבערשטען.

**מען** זעהט אז יעדן יום טוב האט א יוד אן התעלות. יעדער יוד ווערט דערהויבן ווען עס קומט יום טוב. אף על גב דאיהו לא חזי, מזליה חזי, אפילו דער מענטש זעהט נישט אז דער טאג איז אנדערש פון אלע אנדערע טעג, פון דעסטוועגן דאך אז עס קומט א יום טוב, ווערט א מענטש אנגעפולט מיט אהבה צום אייבערשטען, עס קומט אריין א שמחה אינעם הארץ פונעם מענטש, עס איז א יום טוב. מוז דאך זיין עפעס א נקודה וואס דאס ברענגט ארויס די אהבה צום אייבערשטען, און די שמחה וואס איז דא אין יום טוב מער פון אלע אנדערע טעג.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא כא., חגיגה כו:), אז ווען מען איז ארויפגעקומען עולה רגל זיין אין בית המקדש, האט מען געוויזן פאר יודען צוויי ניסים וואס איז געווען אין בית המקדש. מען האט אויפגעהויבן דעם שלחן, וואס עס איז געווען דערויף דער לחם הפנים, און מען האט זיי געוויזן ראו חיבתכם לפני המקום, קוקסט ענקער ליבשאפט פארן אייבערשטען, אז דער

לחם הפנים וואס איז געלעגן אויפן שלחן, איז געווען ווארעם אזוי ווי מען האט עס ארויפגעלייגט נאכן באקן. סילוקו כסידורו, אזוי ווי ווען מען האט עס מסדר געווען, האט מען עס ארויסגענומען הייס פונעם אויווען און ארויפגעלייגט אויפן שלחן, אזוי איז עס געווען ווען מען האט עס אראפגענומען, לשום לחם חום ביום הלקחו (שמואל א כא-ז), אפילו ווען מען האט עס אראפגענומען, איז עס נאך געווען לחם חם. עס איז געווען א נס, אז די ברויט זאל זיך קענען האלטן ווארעם די גאנצע צייט. און דאס איז חיבתכם לפני המקום, קוקטס ווי אזוי דער אייבערשטער האט ענק ליב.

**דער ריטב"א** איז מסביר, ווי אזוי האט מען געקענט זעהן אז עס איז ווארעם, מען איז דאך נישט צוגעגאנגען, מען האט דאך נישט צוגערירט, דער שלחן איז דאך געווען אינעווייניג. נאר אזוי ווי ווען מען נעמט ארויס ברויט פונעם אויווען, קומט א פארע דערפון, אזוי איז געווען די גאנצע צייט וואס דער לחם הפנים איז געלעגן אויפן שלחן, עס איז ארויסגעקומען דערפון א פארע, און מען האט געזעהן אז עס איז לחם חום ביום הלקחו, עס איז געווען הייס.

**און** עס דארף האבן א ביאור. וואס איז געווען דער ענין פון די חיבה וואס מען האט געזעהן ביי דעם לחם הפנים, אז עס איז געווען חם ביום הלקחו. מען האט געזעהן אין בית המקדש מערערע ניסים. עשרה ניסים זענען געווען אין בית המקדש, וואו מען האט געקענט זעהן אז די הנהגה אין בית המקדש איז בדרך נס. מען האט נישט אלץ געזעהן די עשרה ניסים, עס איז נישט געווען זאכן וואס איז געווען טאג טעגליך, אבער דאס אז ווען מען איז אריינגעקומען אין די עזרה, איז געווען עומדים צפופים ומשתחוים רווחים, דאס האט יעדער מענטש געקענט זעהן! יעדער יוד וואס האט עולה רגל געווען, און ער איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און עס זענען געווען טויזענטער מענטשן אין די עזרה, און די עזרה איז געווען גרויס עלף אמות אויף הונדערט זיבען און דרייסיג. און יעדער יוד

בשעת ער האט זיך געבוקט פארן אייבערשטען האט ער באקומען ד' אמות וואס קיינער איז נישט געשטאנען ארום און ארום. דאס איז טייטש, אז ווען עס זענען געווען דארט א פאר הונדערט יודען, און עס איז געווען עומדים צפופים, ווען א יוד האט זיך דערמאנט, און ער האט זיך געוואלט בוקן פארן אייבערשטען. עס איז נישט געווען קיין פונקטליכע צייט, יעדער יוד האט זיך געקענט בוקן פארן אייבערשטען ווען ער האט געוואלט, אין יעדע מינוט פונעם טאג. - יום כיפור האט מען זיך אויך געבוקט, דאס איז געווען אין די זעלבע צייט, ווען מען האט געהערט דעם שם וואס איז ארויסגעקומען פונעם כהן גדול, האט זיך יעדער געבוקט, אבער יעדן יום טוב ווען א יוד איז געקומען לעלות ולראות ולהשתחוות לפניך, ווען ער האט זיך געוואלט בוקן, האט ער זיך אראפגעבויגן און זיך געבוקט פארן אייבערשטען אין די עזרה. און ער האט געזעהן תיכף א נס, אז ווען ער בייגט זיך אראפ ווערט מער פלאץ, דאס האט יעדער יוד געזעהן מיט די אויגן. נו פארוואס האט מען אים געדארפט ווייזן ביים שלחן ראו חיבתכם לפני המקום, אז עס איז דא א חיבה פונעם אייבערשטען.

*

**נאכדעם** זאגט די גמרא (יומא נד.), אז מען האט געוויזן נאך א זאך, מגללין להם את הפרוכת. אין קדשי קדשים איז געלעגן דער ארון מיט די כרובים. און מען האט מגלה געווען, מען האט אוועקגערוקט דער פרוכת וואס האט אפגעטיילט אז מען זאל נישט קענען אריין זעהן אין קדשי קדשים, און מען האט געזעהן, אז די שני כרובים זענען געווען מעורים זה בזה, די צוויי כרובים האבן זיך ארומגעהאלדזט איינס מיט דאס אנדערע. און מען האט געזאגט פאר יודען ראו חיבתכם לפני המקום, קוקטס ענקער חיבה ביים אייבערשטען.

**אין** זוהר הק' (ח"ג נט.) שטייט, אז די צוויי כרובים איז געווען איינס א צורת זכר, און איינס איז געווען א צורת נקיבה, וואס דאס איז א רמז

אויפן אייבערשטען מיט כלל ישראל. דער אייבערשטער איז דודי, דער אייבערשטער איז דער בעל. און אונז כנסת ישראל זעמיר כלה קריאה בנעימה, מיר זענען די כלה פונעם אייבערשטען. און די חיבה וואס איז דא צווישן כנסת ישראל און דעם אייבערשטען, האט מען געזעהן אין די כרובים, אז די כרובים זענען געווען מעורים זה בזה, זיי האבן זיך צוזאמגעהאלטן איינער מיטן צווייטן, צו ווייזן די חיבה פון אייבערשטען צו יודען, ראו חיבתכם לפני המקום.

**אויף** די ערשטע זאך, אז מען האט געוויזן דעם שלחן, איז דא דערויף א רמז אין די תורה. ווייל די גמרא (חגיגה כו:) דרשנ'ט עס פונעם פסוק (ויקרא כד-ו) על השלחן הטהור, איז דאך טייטש אז דער שלחן קען מקבל טומאה זיין. און אויב דער שלחן בלייבט שטענדיג אויפן זעלבן פלאץ, איז עס א כלי העשוי לנחת וואס איז נישט מקבל קיין טומאה. מוז דאך זיין אז עס איז געווען צייטן וואס מען האט אוועקגערוקט דעם שלחן פונעם פלאץ. דרשנ'ט די גמרא דערפון, אז יום טוב האט מען אויפגעהויבן דעם שלחן, כדי צו ווייזן דעם לחם הפנים. אבער אויף די צווייטע זאך, אז מען האט מגלה געווען דעם פרוכת, אז מען זאל קענען זעהן די כרובים מעורים זה בזה, איז נישט דא קיין רמז אין די תורה דערויף, אז יום טוב האט מען מגלה געווען דעם פרוכת, אז מען זאל זעהן די כרובים זענען מעורים זה בזה.

**און** דער אמת איז, אז דער נס איז געווען אסאך טיפער. די גמרא (בבא בתרא צט:) זאגט ביי די כרובים, אז עס איז דא א סתירה פון צוויי פסוקים, ווי אזוי די כרובים זענען געשטאנען איינס אקעגן דאס אנדערע. ביי אונז אין חומש אין פרשת תרומה (שמות כה-כ) שטייט, אז עס איז געווען איינס אקעגן דאס אנדערע, ופניהם איש אל אחיו, איין כרוב האט אנגעקוקט די צווייטע כרוב. די גמרא ברענגט אבער צו א פסוק (דברי הימים ב ג-יג), אז זיי זענען נישט געשטאנען איינער אקעגן דעם אנדערן, נאר ופניהם לבית, דער פנים איז געווען אויסגעדרייט צו דעם בית.

- עס איז דא א מחלוקת אין די ראשונים, צו לבית איז דער טייטש, אז עס איז געווען אויסגעדרייט צו מזרח זייט. מען איז אריינגעקומען פון מזרח צו מערב, איז פניהם, דער פנים איז געווען, לבית. און א טייל טייטשן פניהם לבית, אז עס איז געווען צו מערב זייט. אבער על כל פנים עס איז נישט געווען פניהם איש אל אחיו. - זאגט די גמרא, כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, וכאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום. ווען יודען זענען נישט געווען עושין רצונו של מקום, האבן זיי זיך נישט אנגעקוקט איינער דעם צווייטן, זיי זענען געווען פניהם לבית, זיי האבן זיך אויסגעדרייט. ווען די יודען זענען געווען עושין רצונו של מקום, איז דאך דא אן אהבה פון כנסת ישראל מיטן אייבערשטען, איז געווען פניהם איש אל אחיו, זענען זיי געווען איינער אקעגן דעם צווייטן. - דאס איז געווען א גאנץ יאר.

**אבער** עס איז געווען זמנים וואס עס איז געווען אזוי גרויס די אהבה פון כלל ישראל מיטן אייבערשטען, יום טוב איז געווען אזוי גרויס די אהבה, אז נישט נאר זיי זענען געווען פניהם איש אל אחיו, נאר די כרובים האבן זיך געבויגן, און זיי האבן זיך געהאלדזט איינער מיטן צווייטן, זיי זענען געווען מעורים זה בזה. און דאס איז דער ראו חיבתכם לפני המקום. אז עס זאל זיין מעורים זה בזה, איז נישט געווען א טאג טעגליכע זאך, נאר ביי די מועדות איז געווען אזוי דערהויבן, אז עס איז געווען מעורים זה בזה. קען מען נאך פארשטיין וואס עס איז געווען ראו חיבתכם לפני המקום. אבער ביים שלחן איז דאך געווען א פשוט'ער נס, אז עס איז געווען ווארימע ברויט אזוי ווי עס איז געווען שטענדיג, יום טוב איז נישט געווען מער ווי אן אנדערס מאל. און דיביידע ניסים האט מען געוויזן פאר יודען.

**אין** די מפרשים אויפן פלאץ איז דא א מחלוקת. א טייל זאגן, אז דאס וואס איז געווען מעורים זה בזה, זיי האבן זיך צוזאמגעהאלטן איינס מיט דאס אנדערע, דאס איז נישט געווען יעדן יום טוב, דאס איז נאר געווען בזמן שישראל עושין

רצונו של מקום, וואס בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, איז דאך פניהם איש אל אחיו, איז דער פניהם איש אל אחיו געגאנגען נאך ווייטער, אז זיי זענען געווארן מעורים זה בזה. אבער א זמן וואס איז געווען אין ישראל עושין רצונו של מקום, און זיי זענען נישט געווען איינער אקעגן איבער אנדערן, עס איז געווען פניהם לבית, איז נישט געווען דער נס פון מעורים זה בזה, ווייל זיי זענען געווען אויסגעדרייט פניהם לבית. נאר אין די יארן וואס איז געווען ישראל עושין רצונו של מקום, האט זיך עס גערוקט פון פניהם איש אל אחיו, אז עס איז געווארן מעורים זה בזה.

**דער פרשת דרכים** (דרוש כג) און דער **יערות דבש** (ח"ב דרוש יג) זאגען, ניין. א יעדן יום טוב איז אזוי געווען, אפילו אין א צייט וואס איז געווען אין ישראל עושין רצונו של מקום, יודען זענען געווען אין א שוואכע מדריגה, ערב יום טוב זענען זיי נאך געשטאנען פניהם לבית, אבער ווען עס איז געקומען יום טוב, האבן זיך די כרובים אויסגעדרייט איינער צום אנדערן, און זיי זענען געווארן מעורים זה בזה. פאַרוואס, ווייל עס שטייט אין זוהר הק' (ח"ג קעט:), אז מעולם לא זזה שכינה מישראל אפילו בשבת של חול, טייטשט דער פרשת דרכים, אפילו ווען דער שבת איז א וואכענדיגער שבת, עס איז אין ישראל עושין רצונו של מקום, אבער לא זזה שכינה מישראל, ווען עס קומט שבת און יום טוב, רוקט זיך נישט אוועק די שכינה פון יודען. איז אפילו ווען עס איז געווען אזא זמן וואס איז געווען אין ישראל עושין רצונו של מקום, יודען האבן נישט געטון רצונו של מקום, אבער יום טוב איז געווען אזא אהבה פון אייבערשטען צום כלל ישראל, האבן זיי ארויסגעוויזן די אהבה איינער צום צווייטן, אין די צייט איז געווען מעורים זה בזה.

**און** ער ברענגט א ראיה, אז די גמרא (יומא נד:) זאגט, אז בשעת חורבן פון בית המקדש, ווען די אויבים זענען אריינגעקומען, האבן זיי אויך געטראפן אז די כרובים זענען געווען מעורים זה בזה. עס איז דאך געווען א חורבן פון בית המקדש, עס איז געווען אין ישראל עושין רצונו של מקום, ווי קומט דעמאלטס אזא פאל אז עס זאל זיין מעורים זה בזה? זאגט ער, אזוי ווי אויפן חורבן בית המקדש שטייט דאך אין פסוק (איכה א-טו) קרא עלי מועד, עס האט אין זיך א געוויסער מועד, אז עס איז געווען דעמאלטס א בחינה פון שפך חמתו על עצים ועל אבנים, האט עס געהאט אין זיך דעמאלטס די בחינה אזוי ווי יום טוב, אז זיי זענען געווען מעורים זה בזה. - קומט אויס אז יעדן יום טוב האט מען געזעהן דעם חיבתו של מקום, אפילו א יוד איז ארויפגעקומען אין בית המקדש, און כלל ישראל איז געווען אין א מצב וואס אין ישראל עושין רצונו של מקום, פון דעסטוועגן דאך ווען עס קומט א יום טוב, מען איז ארויפגעקומען אין בית המקדש, איז די אהבה פונעם אייבערשטען געווען אזוי גרויס צום כלל ישראל, אז זיי זענען געווארן מעורים זה בזה, כביכול דער אייבערשטער האט ארומגענומען כלל ישראל מיט א געוואלדיגע ליבשאפט.

**און** דאס ברענגט דערצו, אז יעדן יום טוב ווערט נתעורר ביי יעדן יוד א שמחה און א אהבה צום אייבערשטען פונעם יום טוב. ווייל יום טוב איז א צייט וואס עס איז מעורים זה בזה, אפילו יודען זענען אין עושין רצונו של מקום, די שוואכסטע מדריגה וואס יודען זענען, פון דעסטוועגן דאך ווען עס קומט יום טוב, איז דא די אהבה פונעם אייבערשטען צו יודען. און די אהבה וואס יודען האבן צום אייבערשטען, קומט אין א בחינה וואס זיי זענען מעורים זה בזה, וואס מען האלדזט זיך ארום איינער מיטן צווייטן. וועגן דעם איז יעדן יום טוב א זמן וואס עס איז דא א אהבה און א חיבה צום אייבערשטען. ותתן לנו ה' אלקינו 'באהבה' מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן דעם יום טוב באהבה, יום טוב איז א זמן פון אהבה פונעם אייבערשטען צו יודישע קינדער.

**קומט** אויס אז די צורה פון די כרובים, איז איין צורה ווייזט אויף כלל ישראל, און איין פנים איז דער פנים פונעם אייבערשטען. ווען עס איז

געקומען יום טוב, שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך, מען האט מגלל געווען דעם פרוכת, אז מען זאל קענען זעהן די כרוב וואס איז קעגן פני ה' אלקיך. יראה כל זכורך, יעדער זאל קענען זעהן, את פני ה' אלקיך, די צורה פונעם כרוב, ווי אזוי עס איז דא אן אהבה פונעם אייבערשטען צו יודען. ראו חיבתכם לפני המקום, קוקטס אויף די ליבשאפט פונעם אייבערשטען וואס איז דא צו ענק.

**און** דאס איז נישט געווען שטענדיג, דאס איז נאר געווען שלש פעמים בשנה, ווען עס איז געקומען א יום טוב, יראה כל זכורך, זאל זיך יעדער באווייזן. אויסער דעם וואס עס איז דא יראה, וואס ער באווייזט זיך פארן פנים פונעם אייבערשטען, אבער עס איז געווען א בחינה פון יראה כל זכורך, א יעדער האט געקענט זעהן, את פני ה' אלקיך, די צורה פונעם כרוב, וואס די צורה פון דעם כרוב איז דאך דער פני ה', וואס דער כנסת ישראל איז איין כרוב, און דער אנדערע צורה איז דער אייבערשטער. יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך, מען זאל קענען זעהן די אהבה וואס איז דא צווישן אייבערשטען און יודען.

ווען די כרובים שטייען איינער קעגן דעם צווייטן, ופניהם איש אל אחיו, שטייט יעדער כרוב ריקם, ער שטייט ליידיג, ער האט נישט נעבן זיך א צווייטן. אבער ווען עס קומט יום טוב, און זיי זענען מעורים זה בזה, שטייען נישט די כרובים ריקם, ווייל זיי זענען באהאפטן איינער מיטן צווייטן. זאגט די תורה הק', עס איז אזוי גרויס דער יום טוב, דו קומסט ארויף לראות את פני ה' אלקיך, ולא יראה את פני ה' ריקם, דו וועסט נישט זעהן די פני ה' ריקם. ווען דו וועסט זעהן דעם פני ה', וועסטו זעהן אז עס איז מעורים זה בזה, און דאס ברענגט ארויס די אהבה פונעם אייבערשטען מיטן כלל ישראל.

**און** וועגן דעם, יעדען יום טוב ווען א יוד האט זיך אביסל אפגעזונדערט פון די וועלט, און ער איז ארויפגעקומען אין בית המקדש, און ער האט געזעהן חיבתכם לפני המקום, די ליבשאפט פונעם אייבערשטען וואס מען האט געזעהן ווען מען האט גולל געווען דעם פרוכת, ווי אזוי די כרובים זענען מעורים זה בזה, דאס האט אויפגעהויבן דעם כלל ישראל, עס האט אריינגעברענגט א געוואלדיגן ליבשאפט אין כלל ישראל, כמים הפנים לפנים, ווען א יוד זעהט די אהבה פונעם אייבערשטען צו אים, איז דאך דאס מעורר פארקערט אויך, אן אהבה צום באשעפער. יעדע יום טוב איז געווען אזא מדריגה פון כלל ישראל מיטן אייבערשטען, אז זיי זענען געווען מעורים זה בזה, ווייל עס איז געווען א געוואלדיגע אהבה צווישן איינעם און דעם צווייטן. – וועגן דעם האט מען געוויזן די כרובים, אז זיי זענען מעורים זה בזה.

*

**נאכדעם** האט מען געוויזן דעם לחם הפנים, אז עס איז געווען חם ביום הלקחו. נישט מען האט געוואלט ווייזן סתם נסים וואס איז געווען אין בית המקדש, ווייל דאס האט יעדער געקענט זעהן, ווען עס איז געווען משתחוים רווחים, האט מען געזעהן די נסים וואס איז דא אין בית המקדש. נאר לחם הפנים איז אן השפעה פון פרנסה. יעדע זאך וואס איז דא אויף די וועלט, ווערט נמשך די השפעה דא אויף דעם וועלט דורכן בית המקדש. דער ארון איז געווען דער משפיע פון תורה, און דער מזבח אויף מסירת נפש. אויפן שלחן איז געווען דער לחם הפנים, די פרנסה פון א יוד איז נמשך געווארן פונעם שלחן. וועגן דעם האט מען עס ארויפגעלייגט שבת און אראפגענומען שבת, ווייל כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין (זוה"ק ח"ב פח:), קומט דאך אויס אז דער לחם פון א מענטש, ווערט נשפע אינעם שבת אויף די גאנצע וואך, וועגן דעם האט מען מסדר געווען דעם לחם הפנים אין שבת, ווייל דער שלחן האט געברענגט די השפעה פון פרנסה.

**פרנסה** קען דאך זיין אויף אסאך ערליי פעלער. עס איז דא פרנסה וואס קומט אן גרינג, און עס איז דא פרנסה וואס קומט אן שווער, און אמאל ביטער שווער. און אמאל איז

יא דא, און אמאל איז נישט דא. האט מען געוואלט ווייזן, אז מען איז זוכה, גיט דער אייבערשטער די השפעה פון די פרנסה אז עס זאל זיין אזוי ווי לחם חם. עס איז דא אלט ברויט וואס איז שווער צו עסן, און עס איז דא ברויט וואס איז ווארעם, יעצט ארויסגעקומען פון אויווען, עס איז געשמאק און בא'טעם'ט צו עסן. דער אייבערשטער האט געוויזן אז דער לחם הפנים, די השפעה וואס דער אייבערשטער גיט פרנסה אויף די וועלט, איז א לחם וואס איז חם ביום הלקחו, עס קילט זיך נישט אפ. די זעלבע בא'טעמ'טקייט וואס עס האט דאס פרישסטע ברויט וואס מען נעמט ארויס פונעם אויווען, די בא'טעמ'טקייט פונעם לחם חם איז געבליבן א גאנצע וואך, דאס איז געווען די השפעה אויף שפעטער. דאס איז דער ראו חיבתכם לפני המקום, אז מען איז זוכה און מען פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, וועט דער לחם זיין אזוי ווי ווען מען האט עס אראפגעלייגט. די זעלבע פרישקייט, און די ווארימקייט ווי ווען מען האט עס ארויפגעלייגט, ווערט נישט צוגענומען דערפון.

*

**און** מען האט געוויזן נאך מער. ווען עס קומט דער יום טוב, ווערט א מענטש נתעורר צום אייבערשטען, און אסאך מאל ווען עס גייט אוועק דער יום טוב, פארלירט ער די ווארימקייט וואס ער האט געהאט אין יום טוב. ביי רוחניות טאר נישט אזוי זיין! א רוחניות'דיגע ווארימקייט דארף זיך האלטן! אפילו עס איז שוין אדורכגעגאנגען צייט פון ווען מען האט עס אנגעווארעמט, טאר נישט אוועקגיין די ווארימקייט, עס דארף בלייבן ביז שפעטער. און דאס האט געוויזן דער לחם פונעם בית ה', דער לחם וואס אין דעם איז דא א רוחניות'דיגער ווארימקייט, דאס האט זיך נישט אפגעקילט, און עס איז געבליבן ווארעם אויף שפעטער אויך. נאכדעם וואס מען האט גולל געווען דעם פרוכת, און יודען האבן געזעהן די אהבה צום אייבערשטען, און עס איז געווארן א קשר פון אהבה פון כלל ישראל צום באשעפער, האט מען נאכדעם געוויזן דעם לחם, אז די ווארימקייט וואס דו האסט יעצט, לאז עס נישט איבער דא אין בית המקדש ווען דו גייסט אהיים. נעם מיט, מיט דיר די ווארימקייט, עס זאל בלייבן ביי דיר שפעטער אויך. פונקט ווי דער לחם, וואס ווייזט אויף א רוחניות'דיגער ווארימקייט, בלייבט שפעטער מיט די זעלבע היץ און די ווארימקייט ווי עס איז געווען. אזוי דארף א יוד צוקומען דערצו, אז די ווארימקייט וואס דו האסט אינעם יום טוב, זאלסטו עס מיטנעמען מיט דיר ווען דו גייסט אוועק, אז עס זאל בלייבן ערליך.

*

**מען** זאגט בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם לועז, היתה יהודה לקדשו, ישראל ממשלותיו. הים ראה וינוס, הירדן יסוב לאחור וכו' (תהלים קיד-א). מען הייבט אן בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב ער רופט אן יודען אז זיי זענען א בית יעקב. מעם לועז, מען איז ארויסגעגאנגען פון א פאלק וואס רעדט נישט דיין שפראך, מיט רכוש מצרים. היתה יהודה לקדשו, זיי זענען געווארן קודש.

**און** ער זאגט הים ראה וינוס. עס איז דא צוויי מדרשים וואס מען ברענגט צו. איינס (מדרש פליאה), מה ראה, ראה ישראל באים, ורכוש מצרים בידם. יודען קומען און זיי האבן רכוש מצרים אין די הענט. א צווייטער מדרש איז דא (ב"ר פז-ח), ארונו של יוסף ראה. ער האט געזעהן דעם ארון פון יוסף, דאס איז געווען דער הים ראה וינוס. אין די מפרשים איז דא אסאך ערליי פשטים אויסצוגראדן די מדרשים.

**עס** קען זיין, די מפרשים שטעלן זיך און פרעגן, דער אייבערשטער האט געשטראפט די מצריים סיי מיט מכות קודם, און שפעטער האט מען צוגענומען פון זיי דאס געלט, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול (בראשית טו-יג), און שפעטער האט מען זיי דן געווען מיט מיתה, זיי זענען געשטארבן אינעם ים. אונז האב מיר א כלל, אז ווען א מענטש האט אויף זיך צוויי עונשים, שטראפט מען נישט מיט צוויי. משום רשעה

אחת אתה מחייבו, ואי אתה מחייבו משום שתי רשעיות (מכות ד:). געלט מיט מלקות, גייט נישט צוזאמען, אין לוקין ומשלם. דארט ווי עס איז דא מלקות און תשלומין, גיט מען די הארבערע, מען גיט מלקות, אבער מען גיט נישט קיין תשלומין. אין אדם מת ומשלם (כתובות לו:). און דא ביי די מצרים איז געווען אנדערש, עס איז געווען מלקות, און עס איז געווען געלט, און עס איז געווען מיתה. וואס טוט זיך מיט די הלכה פון אין לוקין ומשלם, אין מת ומשלם, פארוואס דא איז עס יא געווען.

**עס** שטייט אין **פרשת דרכים** (דרוש ה', ודרוש כו), אז אמת טאקע געווענליך אזוי איז די הלכה אז עס איז נישט דא קיין לוקה ומשלם, מען געפונט אבער אויף איין פלאץ אז עס איז יא לוקה ומשלם, און אפילו מת ומשלם אויך, ביי קודש, ביי מעילה, איז די הלכה (פסחים לג.), הזיד במעילה, גיט מען מלקות, און ער דארף באצאלן פאר הקדש וואס ער האט מועיל געווען. ווען מען עסט תרומה, איז דא מיתה בידי שמים, און ער דארף באצאלן די תרומה וואס ער האט געגעסן. מען לערנט אראפ חטא חטא, מעילה פון תרומה, אז עס איז דא ביידע.

**ישראל** זענען קודש לה' (ירמיה ב-ג), יודען זענען הייליג צום אייבערשטען, יודען האבן א דין פון קודש. און אז מען טשעפעט קודש, איז דא לוקה ומשלם, סיי עס גייט אויס צו געלט, און עס גייט אויך אן מלקות. אזוי ווי די מצריים האבן געטשעפעט יודען, יודען זענען ווי קודש, איז געווען מת ומשלם, און לוקה ומשלם, עס איז נישט דא קיין משום רשעה אחת אתה מחייבו, ואי אתה מחייבו משום שתי רשעיות.

**דער חתם סופר** (**בתורת משה** פרשת וארא יט:) זאגט אויך אז יודען זענען קודש, ער לייגט עס ארויף אויף א צווייטע שאלה. דער אייבערשטער האט געזאגט (בראשית טו-יג) ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה, מען וועט זיין אין גלות פיר הונדערט יאר, און צום סוף איז מען ארויסגעגאנגען אינמיטן פונעם זמן, נאך צווי הונדערט צען יאר איז מען ארויסגעגאנגען פון גלות. ווי אזוי האט דער אייבערשטער ארויסגענומען יודען פאר דעם.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, אזוי ווי מען געפונט (יבמות מו.) אז הקדש, חמץ, און שיחרור זענען מפקיע מידי שיעבוד. ווען א מענטש האט געהאט א בהמה, און ער האט עס משעבד געווען פארן חבר פאר א חוב, קען ער גארנישט טון דערמיט, ווייל עס איז משועבד פארן חבר. נאכדעם איז ער געגאנגען און ער האט עס מקדיש געווען פאר א קרבן, איז דער הקדש שטערקער, און עס איז מוציא מידי שיעבוד. יודען זענען געווען קודש, קודש ישראל לה', אזוי ווי יודען זענען געווען קודש, איז ממילא אפילו עס איז דא א שיעבוד, איז דער הקדש מפקיע מידי שיעבוד. דאס איז טייטש, אז די נקודה, אז יודען זענען קודש, איז נוגע צו מצרים אין צוויי נקודות. איינס, ווי אזוי האט מען זיי ארויסגענומען פאר די צייט, זיי זענען דאך משועבד צו די מצריים? אויף דעם איז די תשובה, אז הקדש איז מוציא מידי שיעבוד. די צווייטע שאלה, ווי אזוי האט מען זיי געשלאגן און אויך באצאלט געלט, עס איז דאך אין לוקה ומשלם, זאגט מען, אז ביי קודש איז די הלכה אז עס איז לוקה ומשלם.

**וועגן** דעם הייבט ער אן, בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם לועז, ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, היתה יהודה לקדשו, זענען דאך יודען געווען קודש, אז יודען זענען געווען קודש, האבן זיי דעם דין פון קודש, איז הים ראה, אז דער ים האט געזעהן אז יודען קומען מיט רכוש מצרים בידם, נו האט ער דאך געהאט א שאלה אז מען צאלט געלט, קומט דאך נישט קיין מיתה דערויף. אבער היתה יהודה לקדשו, ער האט געזעהן אז יודען זענען קודש, און ביי קודש איז דא לוקה ומשלם, האט ער זיך געשפאלטען.

*

**מען** דארף אבער פארשטיין, וואס איז טייטש היתה יהודה לקדשו, יודען זענען געווען הייליג.

מען איז גארנישט געווען אזוי הייליג, ווען מען איז ארויסגעקומען פון מצרים איז מען געווען אין די מ"ט שערי טומאה, די נידריגסטע פלאץ, ולא יכלו להתמהמה (שמות יב-לט), מען האט נישט געקענט בלייבן לענגער דארטן, דער אייבערשטער האט געמוזט ארויסנעמען פון מצרים. דער שרו של ים האט גע'טענ'ט הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה. און יעצט זאגט מען, היתה יהודה לקדשו, אז יודען זענען געווען הייליג, און הקדש איז מפקיע מידי שיעבוד, און עס איז לוקה ומשלם. ווי איז די קדושה וואס איז דא אין יודען, אז מען זאגט היתה יהודה לקדשו.

**אבער** עס איז אמת, יודען זענען טאקע געווען אין מצרים, און מען איז געווען נידריג אין די מ"ט שערי טומאה, אבער איין זאך האבן זיי געהאט, וואס דאס האט זיי געהאלטן. עס איז געווען א רויטע ליי"ן וואס פון דעם גייען זיי נישט אוועק, און מיט דעם קען מען זיך האלטן. דער ענין פון קדושה ביי יודען, וואס זיי זענען געווען פרושים מן העריות, איז געווען ביי יודען אויף די העכסטע מדריגה אין מצרים. עס שטייט אין מדרש (ויק"ר לב-ה) לא היה אחד מהם פרוץ בערוה. מען רעדט פון מיליאנען יודען, אן א תורה, און מען איז געווען אין מצרים, און פון דעסטוועגן דאך איז נישט ארויסגעקומען אפילו איין פאל וואס עס זאל זיין פרוץ בערוה. אחת היתה ופירסמה הכתוב, שלומית בת דברי.

**רש"י** זאגט דאך, קדושים תהיו (ויקרא יט-ב), וואס מיינט קדושים, הוי פרושים מן העריות. דער חלק פון פרושים מן העריות, האבן יודען אנגעהאלטן די גאנצע צייט וואס מען איז געווען אין מצרים. זיי זענען געווען עובדי עבודה זרה, זיי זענען געווען אין די מ"ט שערי טומאה, מען קען זיין אין די נידריגסטע פלאץ, אבער זיי האבן געהאט א געוויסן גבול, וואס דעם גבול גייען זיי נישט אריבער. און ווען עס איז געקומען זיך משדך צו זיין מיט די מצריים, לא היה אחד מהם פרוץ בערוה. היתה יהודה לקדשו, יודען זענען געווען קודש, אין די מדריגה וואס די תורה רופט אן קדושים תהיו, וואס דאס איז פרושים מן העריות, זענען יודען געווען קדושים, און וועגן דעם האבן זיי געהאט די הלכה אזוי ווי הקדש.

**און** עס איז א געוואלדיגע מוסר השכל, אפילו די יודען זענען געווען אין עמקי הקליפות, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי געוויסט, אז עס איז דא א גבול פאר א יוד. ווען עס קומט צו ערוה דארף א יוד זיין אפגעהיטן די מערסטע וואס ער קען, אז קיינער איז נישט נכשל געווארן אין גאנץ מצרים. דאס ברענגט ארויס די געוואלדיגע מסירת נפש וואס יודען האבן געהאט, אז די ענין פון היתה יהודה לקדשו, איז געבליבן ביי זיי בשלימות.

*

**וועלן** מיר גיין אביסל ווייטער. ווי אזוי טאקע זענען זיי צוגעקומען דערצו, אז זיי זאלן קענען האבן אזעלכע מדריגות? ווי אזוי קען זיין, אז מען ליגט אין די מ"ט שערי טומאה, און פון דעסטוועגן דאך האלט מען זיך צוריק, און היתה יהודה לקדשו, מען געבליבן הייליג. אויף דעם שטייט אין מדרש (שם), אזוי ווי יוסף איז געווען קודם אין מצרים, און יוסף האט געהאט א נסיון, און ער איז נגדר געווארן ביי דעם נסיון מן הערוה, וינס ויצא החוצה (בראשית לט-יב), מיט דעם וואס ער האט געטון, האט ער איבערגעלאזט א קדושה אויף גאנץ מצרים, אז אלע צוויי הונדערט יאר שפעטער וואס יודען זענען געווען אין מצרים, איז קיין איין יוד נישט נכשל געווארן אין דעם פאל! ווייל יוסף האט אראפגעלייגט א קדושה אין מצרים, מיט זיין נסיון וואס ער האט געהאט, און דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז יודען זענען געבליבן הייליג. - דער מדרש זאגט אויף די זעלבע אויף שרה, אז די נשים זענען נגדר געווארן בזכות פון שרה. שרה איז דאך געווען אין בית פרעה, און שרה האט זיך גודר געווען אין ערוה, האט עס איבערגעלאזט א קדושה אויף גאנץ מצרים, אז אלע נשים זענען געווען גדורות. - היתה יהודה לקדשו, די מפרשים שטעלן זיך, עס וואלט געדארפט שטיין היה יהודה לקדשו, וואס איז היתה? ווייל עס גייט ארויף אויף שרה, דורך

איר איז געווען וואס יודען זענען געווען לקדשו. היתה, זי איז געווען די וואס האט צוגעברענגט, אז יהודה לקדשו, אז מען האט זיך געפירט ערליך.

**וואס** דער מוסר השכל דערפון איז, א מענטש טוט אמאל א זאך, און ער מיינט אז ער האט עס געטון פאר זיך אליין, עס איז נאר נוגע פאר אים, ער האט אזוי געטון, אדער אזוי געטון. האט ער זיך גוט אויפגעפירט, איז גוט פאר אים, האט ער זיך נישט גוט אויפגעפירט, איז נישט גוט פאר אים. **ווען א מענטש טוט עפעס א זאך, איז עס נוגע פאר זיינע דורות שפעטער!** אז א יוד האט זיך געפירט בקדושה, יוסף הצדיק האט זיך געפירט ערליך, איז דאס נישט נאר וואס ער איז נגדר געווארן, נאר עס האט געהאלפן אז זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך און אור-אייניקלעך שפעטער, גאנץ כלל ישראל זענען געבליבן בקדושה! ווייל ווען א יוד טוט עפעס, טוט ער עס נישט נאר פאר זיך, נאר עס האט אן השפעה אויף זיינע דורות שפעטער. שרה האט עומד געווען בנסיון, אבער איר עומד זיין בנסיון איז נישט נאר געווען וואס איז נוגע פאר איר, דאס האט נוגע געווען פאר אלע נשים אין מצרים וואס האבן זיך געפירט ערליך. - א מענטש דארף אייביג טראכטן, איך האב א נסיון, עס איז נישט נאר א נסיון פאר מיר, און אויב איך וועל עומד זיין בנסיון האב איך מיך געהאלפן. נאר דו זאלסט וויסן אז דאס העלפט פאר דיין קינד, פאר דיינע אייניקלעך און אור-אייניקלעך, אויב דו וועסט עומד זיין אין דעם נסיון, לאזט עס איבער א שורש קדושה אויף שפעטער אויך.

**און** עס ברענגט אויך א געוויסע ענוה פאר א מענטש, ווען ער ווייסט אז ער פירט זיך יא אויף ערליך. אמאל האלט ער זיך שטאלץ, אז ער איז צוגעקומען צו עפעס א מדריגה. די יודען אין מצרים, עס איז נישט געווען זייערע מדריגות, זייער זיידע יוסף האט אמאל געהאט מסירת נפש פאר יודישקייט, און דאס האט דיך געהאלטן אז דו ביסט געבליבן ערליך. די קדושה פון יוסף האט משפיע געווען אויף אלע דורות שפעטער וואס זענען געווען אין מצרים.

**דער** ים האט געזעהן אז יודען זענען אנגעקומען, היתה יהודה לקדשו, יודען זענען קודש, פרושים מן עריות, און ער האט נישט געקענט פארשטיין, דא זאגט מען הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, און נאכדעם זאגט מען היתה יהודה לקדשו, זיי זענען קודש. ווי אזוי גייט דאס? זאגט דער מדרש, ארונו של יוסף ראה, ער האט אבער געזעהן דעם ארון פון יוסף. דער ארון פון יוסף האט אלעס פארענטפערט, דער ארונו של יוסף, אז יוסף איז געווען אין מצרים, און ער האט עומד געווען בנסיון, דאס האט צוגעברענגט אז עס קען זיין היתה יהודה לקדשו, אז יודען זאלן זיך פירן הייליג.

*

**לאמיר** גיין מיט א שטאפעלע ווייטער. פון וואו האט יוסף געהאט די כוחות? מילא יודען אין מצרים האבן די כוחות פון יוסף, אבער פון וואו האט יוסף געהאט די כוחות, אז ער זאל קענען עומד זיין בנסיון? אויף דעם שטייט אין די גמרא (סוטה לו:), ויהי כהיום הזה ויבוא הביתה לעשות מלאכתו (בראשית לט-יא), נראית לו דמות דיוקנו של אביו, עס האט זיך אים באוויזן די צורה פון זיין טאטען, די צורה פון יעקב אבינו האט זיך באוויזן פאר יוסף, און דער נראית לו דמות דיוקנו של אביו האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער גייט נישט עובר זיין. וואס אין הייליגע ספרים (**קב הישר** פרק ב) שטייט אויף דעם אליין, אז דאס איז א סגולה בעת נסיון, א מענטש זאל געדענקן אויף זיינע עלטערן, ער זאל געדענקען די צורה פונעם פאטער, וועט עס אים מציל זיין פון אן עבירה. דשא עשב מזריע זרע למינהו (בראשית א-יב), דש"א איז די ראשי תיבות ד'מות ד'יוקנו ש'ל א'ביו, דאס איז עשב, א סגולה, אז עס זאל זיין למינהו. די עצם זאך אליין וואס עס איז נראית לו דמיות דיוקנו של אביו, האט אים געהאלפן.

**אבער** די גמרא זאגט ווייטער, אז זיי טאטע האט אויך גערעדט צו אים, יעקב האט אים געזאגט א פאר ווערטער. איך ווייס אז דו האסט

יעצט א גרויסן נסיון, אבער דו זאלסט וויסן אז אלע דיינע ברודער וועלן שטיין אויפגעשריבן זייער נאמען אויפן אפוד, און דיין נאמען איז אויך שוין אויפגעשריבן דארט אויפן אפוד. דו ווילסט אז דיין נאמען זאל ווערן אויסגעמעקט פון דארט? אויב דו וועסט עובר זיין אויף די עבירה, וועט מען אראפנעמען דיין נאמען פון דארט, שנאמר (משלי כט-ג) ורועה זונות יאבד הון. האט ער זיך צוריק געהאלטן, און ער האט נישט געטון די עבירה.

**וואס** ליגט אין דעם? יוסף האט געהאלטן, ער האט א נסיון, און ווען א מענטש קוקט אויף דעם נסיון, קוקט ער נאר אויפן פלאץ יעצט. איך האב יעצט א נסיון, צו איך זאל עובר זיין, אדער נישט עובר זיין. אבער ווען ער איז זיך מתבונן, וואס ער פארלירט דורכדעם וואס ער וועט עובר זיין אויף דעם נסיון, אז ער קען חרוב מאכן פאר זיין גאנצן שבט, אויף לעולם ועד וועט בלייבן א בזיון אויף זיין שבט, יעדער וועט זיין אויסגערעכנט אויפן אפוד, און יוסף'ס נאמען וועט פעלן. דעם הוי מחשב שכר עבירה כנגד הפסדה (אבות ב-א), אמת טאקע אויף די מינוט האסטו א נסיון, אבער ווען דו וועסט זיך אריינלייגן און טראכטן, וואס וועט געשעהן נאך די עבירה, וואס דו האסט זיך אפגעהאקט פונעם אייבערשטען, דו האסט אפגעהאקט דיינע דורות פון דיר, פארוואס האסטו עובר געווען די עבירה. רצונך, דו ווילסט, שימחה שמך, אז דיין נאמען זאל ווערן אויסגעמעקט פונעם אפוד? וינס ויצא החוצה. אויף מיר וואלט איך נאך מוותר געווען, שוין איך וועל באקומען גיהנום, אבער איך גיי חרוב מאכן מיין גאנצע שבט,ביי דעם האט ער זיך געשטעלט.

**די** מוסר השכל דערפון איז, אז די סיבה פארוואס יוסף האט זיך געפירט ערליך, און דאס האט צוגעברענגט דערצו שפעטער אז גאנץ מצרים האט זיך געפירט ערליך, איז געווען ווייל ער האט זיך מתבונן געווען אין די ווערטער פונעם טאטען. הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה. **מען דארף נישט קוקן אויף די רווחים וואס מען האט יעצט פון די עבירה, דארפסט קוקן נאך די עבירה. וואס דו וועסט אפטון פאר דיינע קינדער, וואס דו וועסט אפטון פאר דיין משפחה, וואס וועט זיין שפעטער מיט דיר**, אז מען וועט אראפנעמען דיין נאמען, דו וועסט מער נישט זיין מוזכר פארן אייבערשטען! די נעמען וואס איז געווען אויפן אפוד איז דאך געווען עס זאל זיין לזכרון לפני ה׳ (שמות כח-יב), עס זאל געדענקט ווערן פארן אייבערשטען. דיין נאמען איז נישט דארט, דיך איז מען נישט אינטערסירט דו זאלסט זיין א זכרון לפני ה׳. דאס האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער האט עומד געווען בנסיון.

**קומט** אויס, יעקב אבינו האט צוגעברענגט אז יוסף האט עומד געווען בנסיון, יוסף האט צוגעברענגט דערצו אז אלע יודען אין מצרים האבן עומד געווען בנסיון. דער היתה יהודה לקדשו, וואס יודען זענען געווען קודש, איז פון איין זייט ווייל ארונו של יוסף ראה, ער האט געזעהן דעם ארון פון יוסף, וואס יוסף האט צוגעברענגט דערצו אז זיי זענען געווען קודש. אבער בצאת ישראל ממצרים, ׳בית יעקב׳ מעם לועז, דער שטוב פון יעקב, וואס יעקב איז דאך געווען דער וואס האט צוריק געהאלטן יוסף, די זענען ארויסגעגאנגען יעצט מעם לועז. און דאס האט צוגעברענגט אז היתה יהודה לקדשו, אז יהודה איז געווארן קודש.

*

**אין** הייליגע ספרים (**פרדס יוסף** פ׳ וישב אות עג) שטייט נאך מער, נראית לו דמות דיוקנו של אביו. ווען יוסף איז אראפגעקומען אויף מצרים, זאגט רש״י (בראשית לט-ו), ער האט אנגעהויבן מסלסל זיין בשערו, ער האט אנגעהויבן זיך צוצופיצן. ער האט זיך אנגעהויבן צו קעמען די האר שיין און אזוי ווייטער ער האט זיך אנגעהויבן צו טוישן די בגדים פון וואס ער איז געגאנגען אנגעטון פריער. און מען קען עס פארשטיין, א יונג בחור׳ל, ער קומט אן אויף מצרים, און אלע מצריים קוקן אויס אנדערש, ער האט נישט נאך איינעם וואס קוקט אויס אזוי

ווי ער, און ער האט זיך געוואלט צופאסן צו די געגנט ווי ער איז. **אזוי איז דער סדר פונעם יצר הרע, די ערשטע זאך הייבט ער אן מיטן לבוש, מען זאל עפעס נאכלאזן, נישט גיין אזוי ווי דער טאטע איז געגאנגען. נאכגיין נאך די גאס, זיך מער צושטעלן צו די גוי'אישע וועלט.** און אזוי האט יוסף אויך געטון, מסלסל בשערו, און ער האט אנגעהויבן טוישן זיין בגד, אנגעהויבן זיך צו טוישן זיין האר ווי אזוי ער איז געגאנגען, און דאס האט אים צוגעברענגט שפעטער, אז ער האט געהאט א נסיון פון אשת פוטיפר. ותתפשהו בבגדו (בראשית לט-יב), וואו האט זי געהאט א תפיסה אין אים, וואו האט זי אים געקענט אנכאפן, בבגדו, ווייל ער האט זיך צוגעשטעלט צו איר מיט זיין בגד.

**ווען** יוסף וואלט זיך מעיקרא נישט געטוישט, ער וואלט געבליבן מיט זיין בארד און פיאות אזוי ווי ער איז געווען פארדעם. ווען זיין בעקיטשע מיט זיין רעקל וואלטן געבליבן אזוי ווי ער איז געווען פון פריער, וואלט זי געוואוסט אז עס איז צוויי וועלטן, אונז האב מיר נישט קיין שייכות איינער מיט דאס אנדערע. אבער ווייל מען טוט זיך צופאסן מיט די בגדים אז מען זאל קענען זיין איינס ווי יענער, דארט איז דער מקום ווי עס קען שולט זיין אויף אים א נסיון.

**ער** האט אנגעקוקט דמות דיוקנו של אביו, ער האט זיך דערמאנט ווי אזוי דער טאטע גייט אנגעטון, און ווי אזוי ער האט זיך געטוישט פון זיין טאטעס וועג, און דאס האט אים צוגעברענגט צום נסיון. ווען איך וואלט געבליבן מיט דעם דיוקנו של אביו, וואלט איך נישט געהאט דעם נסיון. נראית לו, עס האט אים אנגעהויבן צו געפעלן, דעם דמות דיוקנו של אביו, ווי גוט איז מיין טאטע וואס ער איז געגאנגען אנגעטון אויף אזא וועג וואס מען האט זיך נישט געקענט מחבר זיין צו אים, ווייל ער איז געווען אויסגעשטעלט אנדערש. איך האב אנגעהויבן מסלסל זיין בשערו, און טוישן מיין בגד, דאס האט מיך צוגעברענגט צו דעם נסיון. דאס איז דער נראית לו דמות דיוקנו של אביו, עס איז אים געפעלן ווי אזוי דער דמות דיוקנו של אביו האט אויסגעזעהן.

**און** דאס איז ביי יעדן נסיון וואס א מענטש האט. הייבן הייבט זיך עס אן, מען הייבט זיך אן אביסל צוצופיצן, מיט א קלייניגקייט, אבער נאכדעם גייט מען אנדערש. פארוואס האסטו עס געטון? ווייל די גאס גייט אזוי, ווייל דער גוי גייט אזוי. **צוצופאסן זיך צו דעם גוי, דאס ברענגט א שריט אז מען זאל קענען זיין נאך נאנטער צו דעם גוי. און יעדע הרחקה וואס א מענטש מאכט, ער זאל זיין אנדערש ווי דער גוי, דאס טוט אים צוריק האלטן אז ער זאל זיך פירן ערליך.**

*

**מען** זאגט אין די הגדה, ויהי שם לגוי (דברים כו-ה), מלמד שהיו ישראל מצויינים שם. שלא שינו שמם לשונם ומלבושם (ויק"ר לב-ה). מען רעכנט נישט אויס אויף יודען קיין שום מעלות וואס זיי האבן געהאט, נאר די דריי זאכן, שלא שינו שמם לשונם ומלבושם, און נאך א זאך אז זיי זענען נישט געווען פרוץ בערוה. אויסער דעם איז נישט דא קיין שום מעלה אינעם מדרש וואס מען רעכנט אויס אויף יודען ווען זיי זענען געווען אין מצרים.

**און** דאס איז פארבינדן איינס מיט דאס אנדערע. ווי אזוי קען זיין אז מען האט זיך געהאלטן, און עס איז נישט געווען אחד מהן פרוץ בערוה? אז מען האט זיך אפגעטיילט פון די מצריים, איך האב נישט דעם זעלבן נאמען פון אים; איך רוף מיך נישט מיטן גוי'אישן נאמען; איך רעד נישט קיין מצרי'ש; איך רעד נישט דעם שפראך; און איך גיי נישט מיט די בגדים ווי אזוי ער גייט אנגעטון. שלא שינו שמם לשונם ומלבושים, דאס איז געווען א וואנט וואס האט אפגעטיילט א יוד פון א מצרי! ווייל טאמער מען ברעכט אדורך די וואנט, דעמאלטס ווערט מען מחובר איינער צום צווייטן.

**אז מען רעדט נישט די שפראך, גוי'איש, מצרי'ש וואס מען האט גערעדט, קען מען נישט האבן**

**קיין דיאלאג צווישן א יוד און א גוי. ער רעדט איין שפראך, איך רעד א צווייטע שפראך, מען קען נישט רעדן. און אז מען קען נישט רעדן, קומט עס נישט צו נאכדעם אז עס זאל ווערן עפעס נאנטער.** און אז עס איז געווען שלא שינו שמם לשונם ומלבושם, איך גיי נישט אנגעטון ווי דיר, איך רעד נישט דיין שפראך, איך רעד עפעס אנדערש, איך רעד יודיש און דו רעדסט פראנצויזיש, אונז האבן מיר נישט קיין קשר אינעם שפראך, זענען זיי געבליבן הייליג.

**זאגט** דער פסוק פארוואס היתה יהודה לקדשו, פארוואס זענען זיי געבליבן קודש. ווייל זיי זענען ארויסגעגאנגען מעם לועז, פון א פאלק וואס איך האב נישט געקענט זיין שפראך. איך וויל נישט רעדן אזוי ווי אים, איך וויל נישט זיין אנגעטון אזוי ווי אים, אונז זענען צוויי פארשידענע פעלקער. ויהיו שם לגוי, מען האט דערקענט אויף א יוד, אז דאס איז א עקסטערע פאלק פאר זיך, און דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז מען האט זיך געקענט פירן ערליך. און דאס איז וואס ער ברענגט ארויס, אז די חשיבות פון יודען וואס זענען ארויס פון מצרים, איז געווען אז היתה יהודה לקדשו.

**ווען** מען שטייט אין א יום טוב פון יציאת מצרים, וואס די נסיונות היינט זענען דאך אזוי גרויס, די טעכנאלאגיע און אלע אנדערע זאכן, מען ווערט אזוי נאנט מיטן גוי, מען ווערט אזוי באפריינדט מיטן גוי. און איין זאך ברענגט די צווייטע, וויל מען וויסן וואס עס טוט זיך ביי דעם גוי אין שטוב און אזוי ווייטער, דאס איז אלעס וואס ברעכט אדורך מחיצות, ווייל נאכדעם פאלט מען פון דעם וואס מען איז געווען.

**און** דאס איז דער לימוד וואס מען דארף ארויסנעמען. מען איז געווען אין א יום טוב וואס מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים, מען איז געווען יהודה לקדשו, א הייליג פאלק איז ארויסגעגאנגען פון מצרים נאך צוויי הונדערט יאר, פון וואו האט זיך גענומען זייער קדושה? עס האט זיך גענומען פון יוסף. ווייל יוסף איז געווען דער וואס האט אראפגעלייגט דעם פונדאמענט פון קדושה. וויסן אז וואס דו טוסט, איז נישט וואס דו טוסט פאר דיר, נאר דאס טוסטו פאר אלע דיינע דורות. וואס דו טוסט וועט האבן אן השפעה אויף שפעטער. און אז דו פאלסט אדורך, פאלט אדורך נאכדעם דיין קינד און דיין אייניקעל אויך.

**ווען** א יוד וויל זיך היטן, דארף ער וויסן הוי מחשב שכר עבירה, עס איז טאקע דא א שכר עבירה, דו פארדינסט טאקע פון די עבירה די תענוג וואס דו האסט, אבער כנגד הפסדה, די שאדן איז אסאך און אסאך גרעסער, רצונך שימחה שמך פון די אבני אפוד. און דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז יוסף האט זיך געפירט ערליך. און דאס האט צוגעברענגט אז יודען האבן זיך געפירט ערליך.

*

**ווען** מען גייט אוועק פון דעם יום טוב, דארף מען זעהן מיטצונעמען די קדושה וואס מען האט זיך קונה געווען אין דעם יום טוב. מען האט פריער גערעדט, ווען א יוד איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און ער האט קונה געווען פון די קדושה, ער איז געווען איין וואך אפגעזונדערט פון די שטוב, אפגעזונדערט פון די וועלט, ער איז געווען אין דעם מקום המקדש, און געזעהן נסים ונפלאות, ער האט געזעהן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, האט דען א יוד געקענט אוועקגיין פון די בית המקדש אן גלייבן אז עס איז דא א בורא עולם?! עס איז דאך נישט געווען מעגליך! צו זעהן יעדע מינוט דעם נס פון עומדים צפופים ומשתחווים רווחים, ווי אזוי עס קען געשעהן, איז דאך דער טייטש, אז עס איז דא א כח פונעם אייבערשטען.

**און** ער האט געזעהן נאכדעם די כרובים וואס זענען מעורים זה בזה, ער האט געזעהן די ליבשאפט וואס איז דא צווישן יודען און דעם אייבערשטען. ער האט געזעהן ווי אזוי דער אייבערשטער גיט אונז פרנסה, און ער גיט עס אונז לחם חם ביום הלקחו. אז דו ביסט זוכה,

וועסטו באקומען דיין פרנסה מיט א בא'טעם'טקייט, מיט א פרישקייט, אזוי ווי עס איז געווען די לחם הפנים אויפן שלחן. דאס האט אויפגעהויבן יעדן יוד. און בשעת ער איז אהיימגעגאנגען, ולא יראה את פני ה' ריקם, זאלסט נישט אוועקגיין ליידיג פון וואס דו האסט געזעהן דעם פני ה'. דו ביסט דארט געווען, דו ביסט אהיימגעגאנגען, דו גייסט צוריק צו וואס דו ביסט געווען. לערן דיך אפ פון דעם לחם חם ביום הלקחו, אז ווארימקייט פון רוחניות דארף בלייבן אויף שטענדיג, עס ווערט נישט אפגעקילט, מען דארף מיטנעמען דעם ווארימקייט מיט זיך אויף שפעטער.

*

**עס** קומט די זומער טעג, שווערע טעג פאר יעדן איינעם, און בפרט אין א מדינה וואס די פריצות איז אזוי גרויס. דארף מען וויסן, **אונז זעמיר יודען! אונזער קדושה וואס אונז טוה מיר זיך היטן, איז זייער חשוב ביים אייבערשטען. יעדע נסיון וואס א מענטש האט, די היינטיגע טעכנאלאגיע, און ער מאכט פאר זיך גדרים וסייגים, איז עס נישט נאר פאר זיך, עס איז פאר זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך.** ער איז מקדש דעם גאנצן אויר. איין יוסף איז געווען וואס ער האט זיך געהיטן, האט ער מקדש געווען גאנץ מצרים מיט זיין נסיון וואס ער האט עומד געווען. מען דארף וויסן היתה יהודה לקדשו, אונז דארף מיר זיין קודש.

**און** אויף דעם זאגט די גמרא (קידושין ל:), אז עס איז נאר דא איין עצה, לימוד התורה! בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, **מען קען זיך נישט האלטן אן תורה.** יעדע פרייע צייט וואס מען האט, דארף מען אויסנוצן צו לערנען. היינט איז דא אזויפיל מסגרת'ן פון תורה, **יעדער איינער דארף זיך צוטשעפענען צו א געוויסע מסגרת.** ביי אונז איז דא 'ובהם נהגה', און אז מען וויל לערנען מער פון דעם, איז דא אנדערע מסגרת'ן וואס מען קען לערנען מער. ווען א מענטש ליגט אין תורה, אלע זיינע זייטיגע צייטן, זיין מחשבה ליגט אין תורה, זאגט דאך דער **רמב"ם** (הל' איסורי ביאה כב-כא), אז שלעכטע מחשבות קומען נישט אריין נאר בלב פנוי מן התורה, נאר ווען די הארץ איז ליידיג. אויב די הארץ איז נישט ליידיג, מען זיצט און מען לערנט תורה, דאס היט אז א מענטש זאל זיך קענען פירן ערליך.

*

**מען** רעדט דאך אויך צו די בחורים וואס זענען דא. מען הייבט אן א נייעם זמן צו לערנען. מען האט שוין טועם געווען א גאנצע חודש ווי אזוי עס קוקט אויס אז מען לערנט נישט. און עס בענקט זיך שוין צוריק צוגיין אין בית המדרש, און ווייטער לערנען. **די צווייטע העלפט פונעם יאר, דארף מען וויסן אז מען דארף איבער חזר'ן אלעס וואס מען האט געלערנט פון פריער. ווען עס גייט אדורך די יאר, זאל זיין אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. אויסער דעם וואס מען לערנט יעדע וואך וואס מען דארף צו לערנען, דארפסטו האבן א סדר איבערצוגיין אלעס וואס מען האט געלערנט דעם ווינטער. אז במשך פון די וואך זאל מען איבערלערנען וואס מען האט געלערנט א וואך אין דעם ווינטער. די צווייטע וואך, נאך א וואך וואס מען האט געלערנט אינעם ווינטער. אז ווען עס קומט דער סוף פונעם יאר, זאל זיין תלמודו בידו, ער זאל קענען די מסכתא, און קענען די שלחן ערוך, וואס מען האט געלערנט.** אז מען ליגט אין לערנען, מען נוצט אויס די צייט, דעמאלטס איז מען א ערליכער בחור, און מען ווערט אפגעהיטן פון די נסיונות הזמן.

*

**עס** קומט דער סוף פונעם יום טוב, חסל סידור פסח כהלכתו, ככל משפטו וחוקתו, כאשר זכינו לסדר אותו, כן נזכה לעשותו. יעדער האט געהאט הויכע מינוטען דעם יום טוב, נישט נאר פאר זיך אליין, עס איז געווען טופח על מנת להטפיח, איבערצוגעבן פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך אמונת אלקי עולם. עס האט דאך ביי יעדן געלאכטן א געוויסן אור אין משך פונעם יום טוב, וואס מען איז נישט זוכה שטענדיג. פון וואו האט זיך עס גענומען? פון די

אהבה וואס איז דא צום אייבערשטען, וואס עס איז מעורים זה בזה. אונז האב מיר היינט נישט קיין בית המקדש, און עס איז נישט דא קיין כרובים וואס איז מעורים זה בזה, אבער עס איז דא א בית המקדש של מעלה, עס איז זיכער אז וואס עס טוט זיך אפ אין בית המקדש של מטה, טוט זיך אפ אין בית המקדש של מעלה. די בית המקדש של מעלה איז אויך די זעלבע, דארט איז דא א ארון מיט כרובים, און ווען יודען זענען זוכה איז פניהם איש אל אחיו, דעמאלטס איז דא אן אהבה פונעם אייבערשטען צו יודען. און ווען מען איז נישט זוכה, איז פניהם לבית, עס איז נישט דא פניהם איש אל אחיו. ווען עס קומט אבער יום טוב, אפילו יודען זענען אין די שוואכסטע מדריגה, איז עס מעורים זה בזה. און **די מעורים זה בזה וואס דער אייבערשטער נעמט ארום כלל ישראל אויבן אין הימל ביי די כרובים, דאס איז דער כח וואס גיט אונז א גאנץ יום טוב, און פאר א גאנץ יאר שפעטער, צו וויסן ראו חיבתכם לפני המקום, מען זאל וויסן די חיבה וואס אונז האב מיר צום אייבערשטען.**

**דער** באשעפער זאל געבן, מען זאל קענען מיטנעמען די רוחניות'דיגע חלקים וואס דער יום טוב ברענגט מיט, און אויך די גשמיות'דיגע חלקים. מצה איז א מיכלא דאסוותא (זוה"ק ח"ב קפג:), עס ברענגט רפואות און ישועות. קשה פרנסתו של אדם כקריעת ים סוף (סוטה ב.), פרנסה איז אזוי ווי קריעת ים סוף. קריעת ים סוף איז דאך אויך געווען אין די טעג, איז דאך עס מסוגל אויף די פרנסה אויך. מגללין להם את הפרוכת, און מען האט אויך געוויזן ראו חיבתכם לפני המקום, לחם חם ביום הלקחו, יעדן יום טוב האט מען געוויזן די אהבה וואס דער אייבערשטער העלפט, און ער איז משפיע פרנסה פאר יודישע קינדער.

**קשה** זיווגו של אדם כקריעת ים סוף, מען דארף דאך שידוכים פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך. און אמאל איז דא וואס מען האט שוין דעם זיווג, מען זאל זיך קענען אויסקומען מיט זיווגו של אדם, אלעס איז קשה כקריעת ים סוף. און אין די טעג קען מען מיטנעמען מיט זיך השפעות טובות. דער באשעפער זאל געבן פאר יעדן איינעם וואס ער דארף צו האבן, ממלא זיין כל משאלות לבבינו לטובה, און אונז זאל מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.